ווײַסרוסישע וויסנשאַפט־אקאדעמיע
יידישער סעקטאָר

פון מרדכי קאָסאָווערס זאַמלונג
אינוו. נומ ........ אָפּט ........

# צײַטשריפט

באנד 5

## ליטעראטור־פאָרשונג

אויסגאבע פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע
מינסק — 1931

Друкарня Беларускае Акадэмі Навук

Галоўлітбел № 1946. Зак. № 623. Тыраж 1500 экз. — 25 арк. 10 стар.

י. רימיניק

# צו דער געשיכטע פונעם „פוילישן יינגל“

פאַריקן יאָר איז געוואָרן 90 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן ייִצכאָק יויעל לינעצקי — און 60 יאָר, זינט עס איז ארויס פון דרוק די ערשטע אויסגאבע פונעם „פוילישן ייִנגל“.

אונדזער ליטעראטור-פאָרשונג, וואָס האָט אויסגעפירט א באדייטנדיקע ארבעט אין גאנג פון יויזול-קאמפאניעס, וואָס האָט שוין געגעבן ווערטפולע ארבעטן וועגן מענדעלען, פּערעצן און שאָלעם-אליייכעמען, האָט לאכלוטן פארגעסן אָן לינעצקען — אָן איינעם פון די סאמע אינטערעסאנטסטע קעמפער פון דער האסקאָלע-עפּאָכע.

מיר קאָנען בא הײַנטיקן טאָג פארצייכענען מער ניט ווי צוויי צײַטונג-ארטיקלען פון א. גורשטיין (איינער צו לינעצקעס צענטן יאָרצײַט, „עמעס“, נום. 217, 1925 יאָר) און א צווייטער צום 90-טן יאָרטאָג פון זײַן געבאָרן („עמעס“, נום. 293, 1929 יאָר) [1].

איז פונוואנען זשע נעמט זיך אזא איגנאָרירנדיקע באציִונג צו לינעצקען? א גרויסער טאַם ליגט, פארשטייט זיך, אין דעם, וואָס לינעצקי איז ניט אויסגעוואקסן דער גרויסער שרײַבער, פון וועמען די ליטעראטור זאָל זיך לאָזן פירן. אָבער דאָס איז ניט אלץ. שולדיק אין דעם איז אין א געוויסער מאָס די ניטפּאָפּולערקײַט פון לינעצקעס ברייטערער ליטע-ראַרישער טעטיקײַט.

ווען מע רעדט בא אונדז וועגן לינעצקען, איז מען געוווינט צו דערמאָנען ניט מער, ווי „דאָס פּוילישע ייִנגל“, גלײַך ווי דערמיט האָט זיך אויסגעשעפּט זײַן גאנץ ליטעראריש שאפן. עס איז אינטערעסאנט, אז זאלמען רייזען האָט אין זײַן „לעקסיקאָן“ פאַרצייכנט, אז לינעצקעס שעם און באדײַטונג פאר דער ייִדישער ליטעראטור שטיצט זיך קימאט נאָר אף זײַן ווערק „דאָס פּוילישע ייִנגל“ [2]. סע קאָנען, פארשטייט זיך, קיין צוויי מיינונגען ניט זײַן, אז לינעצקי איז פּאָפּולער געוואָרן אדאנק דעם „פּוילישן ייִנגל“, וואָס בלײַבט זײַן הויפּט-ווערק. מע קאָן אָבער ניט מאסקים זײַן מיט דער באהויפּטונג, אז לינעצקעס באדײַטונג אין דער ייִדישער ליטעראטור שטיצט זיך קימאט נאָר אף דעמדאָזיקן ווערק.

עס האָט נאָך י. פּעטריקאָווסקי אָנגעוויזן, אז נאָך דעם „פּוילישן ייִנגל“ איז „די וויבאָרעס“ [3] געווען לינעצקעס באדײַטנדיקסטע ווערק. דאָסדאָזיקע ווערק האָט אזוי געווירקט אף פּעטריקאָווסקען, אז ער האָט געפונען פאר נייטיק איבערכאזערן וועגן דעם אין א ריי ארטיקלען [4]. נאָך וויכטיקער איז דער גרוס, וואָס מיר באקומען בא פּעטריקאָווסקען וועגן דעם, ווי אן אמכאָ-אודיטאָריִע פון „גרוזיִע“ — דער אָרעמסטער טייל פון בעלאָצערקווער

---

[1]) אין אויסלאנד זײַנען פאר דער צײַט אָפּגעדרוקט געוואָרן פאָלגנדיקע ארטיקלען: ר. נראנאָווסקי: „ייִצכאָק-יויעל לינעצקי, (זיכרוינעס)“ אין „פּנקס“ פון אמעריקאנער סעקציִע פון ייִוו״א, העפט 1-3, 1927 יאָר, העפט 3, 1928 יאָר; מ. שאליט: „ליטעראַרישע און געזעלשאפטלעכע לוכעס אין אונדזער ליטעראטור“, אין יאָרבוך „פון יאָר צו יאָר“, 4, ווארשע 1929; מ. קיטאי: „יצחק-יויעל לינעצקי (צען יאָר נאָך זײַן טויט)“ אין „ליטערארישע בלעטער“, נום. 74, 1925 יאָר.

[2]) ז. רייזען, „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור“, צווייטער באנד, ז. 174.

[3]) געדרוקט אין „דאס משולחת“; מיר איז באַקאָנט צוויי אויסגאבעס: אָדעס 1874 און זשיטאָמיר 1875; לינעצקי פאַרצייכנט אויך א ווארשעווער אויסגאבע פון 1876 יאָר.

[4]) זע „Киевлянин“, נום. 42, 1877 יאָר; „Русский еврей“, נום. 20, 1880 יאָר; זע אויך זײַן האקדאָמע צו דער רוסישער איבערזעצונג פון מענדעלעס „טאקסע“, בעלאָצערקאָוו, 1884, ז.ז. 12—13.

באפעלקערונג — א גאנצע מאכנע — עטלעכע צענדליק ייִדן, ייִדענעס און קינדער, איינס קלענער פונעם אנדערן, זײַנען געזעסן אף דער ערד אין א העל-לעוואָנעדיקן פרײַסיק-צונאכט און האָבן זיך געקוויקט מיט לינעצקעס „וויבאָרעס", וואָס א שנײַדער האָט פאר זיי פאָרגעלייענט.

שאָלעם-אַליכעם איז אויך געווען אנטציקט פון דעמדאָזיקן ווערק. אין זײַנער א רעצענזיע, בעשײַטע א ניט געדרוקטער, אף מאני דלוגאטשעס דער „שלימאזל" (1-טעס העפט, לעמ-בערג, תרמ"ד), וואָס י. ד. בערקאָוויטש האָט פארעפנטלעכט אין „שאָלעם-אַליכעם-בוך", געפינען מיר פאָלגנדיקע עטלעכע שורעס:

„אף דעם (עס רעדט זיך וועגן סאטירישן ארט שרײַבן; י. ר.) איז לינעצקי בא אונדז דער גרעסטער מײַסטער, און אין זײַנע געוויסע „וויבאָרעס" האָט ער באוויזן אזא קונסט, וואָס אלע קלײנע מעכאבערימלעך, וואָס פרוכפערן זיך און מערן זיך, ווי פיש אין וואסער, קאָנען אים (לינעצקען) בעשומויפן ניט נאָכמאכן [1]).

אײַנלאדנדיק לינעצקען צו באטייליקן זיך אין דער „פאָלקס-ביבליאָטעק", האָט שאָלעם-אַליכעם אים געשריבן:

„וואָס טו איך פון אײַך בעטן, אדוני לינעצקי? גאָר א קלייניקײַט: א בילד, א קאר-טינקע פון ייִדישן לעבן из народного быта אף דעם שניט פון אײַערע „וויבאָרעס". איך היט זיך פון כניפע, נאָר דאָ מוז איך אויסזאָגן מײַן געשמאק, וואָס און וועלכעס געפעלט מיך אין דעם ארט שרײַבן" [2]).

עס איז אויך גוט אופגענומען געוואָרן „דער וואָרעם אין כריין" (געדרוקט אין שאָלעם-אַליכעמס „פאָלקס-ביבליאָטעק", קיִעוו, 1888-1889).

קריטיקוס (ש. דובנאָוו), וואָס האָט געפירט דעם אָפּטייל „Литературная лето-пись" אין „וואָסכאָד", האָט, רעצענזירנדיק שאָלעם-אַליכעמס „פאָלקסביבליאָטעק", גע-ווידמעט דעם „וואָרעם אין כריין" היפשע עטלעכע שורעס, ער קאָנסטאטירט די אידענ-טישקײַט מיט מענדעלעס „ווינטשפינגערל", האגאם ער שטעלט העכער מענדעלען (אגעוו, ווארפט ער זיי אויך פאָר איינעם און דעמזעלביקן כעסאָרן אין דער קאָמפּאָזיציע). פאר אונדז איז אָבער דאָ וויכטיק דער עצעם פאַקט, וואָס ער שטעלט ביידע ווערק אף איין מאדרייגע און מאכט פאר זיי איין אלגעמיינעם אויספיר, "אז דאָס זײַנען אויסערגעוויינטלעכע ווערק, וואָס קאָנען אויסהאלטן די סאמע שטרענגסטע קריטיק" [3]).

שאָלעם-אַליכעם איז אויך געווען זייער צופרידן פון „וואָרעם אין כריין". אין זײַן בריוו צו י. ר. ראוויניצקען האָט ער געשריבן:

„דער וואָרעם (איז) אויסגעצייכנט; אונדזער אלטער וועטעראן, אז ער וויל, קאָן ער שרײַבן" [4]).

---

1) „דאָס שאָלעם-אַליכעם בוך", ניו-יאָרק, 1926, ז. 326.

2) דער בריוו געפינט זיך אין אָדעסער „מענדעלע-מוזיי". ער איז דאטירט 27/3 1888 יאָר.

3) „וואָסכאָד", 1889, נומ. 7, 22-23.

4) „דאָס שאָלעם-אַליכעם-בוך" ז. 182.

עס וועט, אגעוו, אינטערעסאנט זײַן דאָ צו פארצייכענען, ווי לינעצקיס פרײַנט האָבן רעאגירט אף דעם ווערק. נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען דער „וואָרעם אין כריין", האָט א גרופּע לינעצקעס פאַרערער (זאמאָשטשין מיט זײַן פרוי און איש-נאָימי (עלימעלעך בעזרעדקא) אָנגעשריבן לינעצקין א שוטפעסדיקן בריוו (דאטירט 1 פעוו-ראל 1889), וואָס איז פול מיט לויב-געזאנגען לינעצקין.

„אײַער „וואָרעם אין כריין" — שרײַבט איש נאָימי — איז מיט גאָלד צו באלייגן יעדעס וואָרט". בעשאס איך האָב עס געלייענט, האָב איך געוויינט און געטאנצט, געוויינט אף מײַן פאָלק און געטאנצט אף דעם, וואָס איך האָב זיך איבערצײַגט, דאָס עס איז א ליגן, וואָס אײַערע מעקאנים זאָגן, אז לינעצקי האָט זיך אויסגעשריבן. עס לעבע האָך לינעצקי!"

אין דעמזעלביקן גײַסט שרײַבן די זאמאָשטשינס.

„אײַער וואָרעם — שרײַבט פּ. זאמאָשטשין (געכאסמעט מפ"ז (מימעני פאלטיִעל זאמאָשטשין) איז דער גלאנץ, דער שפּיגל פון דער גאנצער פאָלק-ביבליאָטעק... איך מוז אײַך זאָגן, אז דער גאנצער אוילעם איז דערפון אנטציקט, אויך יעדידיינו ה' לערנער האָט מיך געבעטן אײַך איבערגעבן א גרוס, און זאָגן אין זײַן נאָמען, אז ער איז דערפון שטארק צופרידן".

ווי פּאָרזיכטיק מיר זאָלן ניט צוגיין צו דעם בריוו, ווײַל ער איז געשריבן דורכויס מיט א קאוואָנע צו אופהייבן לינעצקין און דערנידעריקן מענדעלען און טראָגט אזוי ארום אן אויסגעשפּראָכענעם סוביעקטיוון כאראקטער, דארף מען דאָך מודע זײַן, אז „דער וואָרעם אין כריין" איז געווען אָט דערדאָזיקער אָנשפּאר-פונקט, וואָס האָט

מע קאָן אויך ניט פארבײַגיין אינגאנצן לינעצקעס טעטיקײַט אלס פאָלק-דיכטער. מיר קאָנען אים, פארשטייט זיך, ניט פארגלײַכן מיט א מיכל גאָרדאָן אָדער וועלוול זבארזשער, אָבער עס איז דאָך א פאקט, אז א היפשער טייל פון זײַן „בייזן מארשאלעק" איז געזונגען געוואָרן אין די ברייטערע פאָלק-שיכטן. איך קאָן דאָ פארצייכענען אן אינטערעסאנטן מאָמענט. זאמלענדיק אין אָדעס פאָלקלידער, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף צוויי ווארי‌אנטן פון לינעצקעס א ליד „ערעוו יאָמקיפּער" (מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן זײַן „בייזער מארשאַלעק"). דאָס דערווײַזט אונדז, אז לינעצקעס דיכטונג האָט געהערט צו דעם מין פאָלק-ליטעראטור, בא וועלכער דאָס פאָלק האָט זיך געפילט גאנץ היימיש, האָט געקענט צושטעלן א וואָרט, מיט איין וואָרט — האָט זי באטראכט, דידאָזיקע ליטעראטור, ווי זײַנס אן אייגנס [1].

לעצטנס, ווי לאָזט זיך פארשווײַגן די באדײַטונג פון לינעצקעס זשורנאליסטישער טעטיקײַט?

אין א גאנצער ריי פעריאָדישע אויסגאבעס, אָנהייבנדיק פונעם „קול מבשר" ביז זײַנע אייגענע פעריאָדישע אויסגאבעס, ווי „ישראליק", „נאציאָנאל", אויך אין זײַנע „כתבים", „ספר הזכרונות" און פלוגבלעטלעך, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן שפּעטער, אין די אכציקער יאָרן, ווי א סוראָגאט פון א צײַטונג, — אומעטום, אין די דערמאָנטע אויסגאבעס געפינען מיר אויצרעס בארעכטיקטע שרײַבערישע ענערגיע, וואָס לינעצקי האָט געוועדעט מערסטנטייל קעגן די ערגסטע פאָלק-מאקעס פון יענער צײַט.

די אונטערשטע שורע — קעגן לינעצקין איז מען בא אונדז באגאנגען א פעלער דערמיט, וואָס מע האָט פארשוויגן זײַן נאָמען. דאָ איז דאָ אָרט פאר א גאנצער ריי אינטערעסאנטע מאָנאָגראפיעס, וועלכע זײַנען ביז גאָר נייטיק פאר אונדזער ליטעראטור-געשיכטע. א מאָנאָגראפיע איבער לינעצקעס זשורנאליסטיק וואָלט אויך פארפולט א געוויסן בלויז אין דער געשיכטע פון אונדזער פרעסע.

אָבער מערקווירדיקער פון אלץ איז דער פאקט, וואָס אפילו „דאָס פוילישע ייִנגל", דאָס פון אלעמען אָנערקענטע ווערק פון לינעצקין, האָט נאָך אויך ניט זוכה געווען ביז הײַנטיקן טאָג צו אן ערנסטער אָפּהאנדלונג.

ווי גרויס עס איז געווען בעשײַטע די באדײַטונג פונעם „פוילישן ייִגל", — אזא און ניט קיין קלענערן ווערט האָט עס אויך פאר אונדזער ליטעראטור-געשיכטע. איינס פון די סאמע פּאָפּולערסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור אין מעשעך פון גאנצע יאָרצענדליקע — איז נאָך איצט שווער אָנצורופן א צווייט ווערק, וואָס זאָל האָבן אזוי גוואלטיק אופגעטרייסלט די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, ווי דאָס האָט געטאָן „דאָס פוילישע ייִנגל". אָט דערפאר טאקע פארדינט „דאָס פוילישע ייִנגל" צו זײַן פון די ערשטע ווערק, וואָס מיט זיי דארף זיך פארנעמען אונדזער ליטעראטור-פאָרשונג.

דאפקע איצט, ווען מיר קאָנען זיך שוין פארגינען צוטרעטן צו אקאדעמישע אויסגאבעס, דארף אפן טאָג-סיידער ארופגעבראכט ווערן אויך לינעצקי און באזונדערס „דאָס פוילישע ייִנגל" — איינס פון די סאמע אינטערעסאנטסטע בלעטלעך קאמף אין אונדזער ליטעראטור-געשיכטע. עס איז נייטיק דאָס טאָן וואָס פריִער, דערפאר ווײַל מיר שטייען פאר א געפאר, אז דאָסדאָזיקע ווערק אין זײַן ערשטן געשטאלט קאָן אונטערגיין. „דאָס פוילישע ייִנגל", וואָס איז אין אומגאנג אצינד, איז ווי באוווסט, לינעצקעס א שפּעטערע „פאָלקאָממען איבערגעארבייטע" אויסגאבע מיטן טיטל „דאָס חסידישע יונגעל". די ערשטע אויסגאבע, וואָס אונטער איר האשפּאָע האָט זיך דער לייענער געפונען אין מעשעך פון גאנצע יאָרצענדליקער (און אהערצו דארף מען, פארשטייט זיך, אויך צורעכענען די פאר-

---

געגעבן א מעגלעכקײַט אָט דער מישפּאָכע שרײַבער (די פארערער פון מענדעלען האָבן זי, ווי באקאנט, גערופן „סטרא אחרא") קעגנשטעלן לינעצקין. קעגן מענדעלען און אָנהייבן די פון יענע יאָרן באקאנטע אטאקע קעגן מענ־דעלען, וואָס האָט איר אויסדרוק געפונען גאָר אינגיכן אינעם „קליינעם וועקער".

1) עס איז קעדײַ צו דערמאָנען, אז דער „בייזער מארשאלעק" איז ביז דעם 1889 יאָר דערשינען אין ווארשע פינף מאָל. די יעדיִע ברענג איך פון לינעצקעס „קיצור תולדות הסופר ר' יצחק יואל לינעצקי" — ניט געדרוקט (דאטירט יאנוואר 1889). עס איז קימאט דאָסזעלביקע, וואָס „דיא קורצע ביאגראפיא פונם בערי־המטען פאָלק-שרײַבער ר' יצהק יואל לינעצקי" (חג היובל, אדעס. 1891), מיט אייניקע נײַע פּראָטים און ביִאָ־ביבליִאָגראפישע ראטעס, אף וועלכע מע קאָן זיך, לײדער, ניט אלעמאָל פארלאָזן. „דער בייזער מארשאלעק" איז נאָכדעם אויך געדרוקט געוואָרן אייניקע מאָל אין ווארשע אין ל. מאָרגענשטערנס פארלאג. מיר איז באקאנט אן אויסגאבע פון 1902 יאָר.

גרייַזטע לעמבערגער איבערדרוקן פון איר), איז שוין בא הייַנטיקן טאָג די גרויסע ביבליאָ-גראַפישע זעלטנקייַט.

פאַר דער קומענדיקער פולשטענדיקער מאָנאָגראַפיע וועגן „פוילישן יינגל" וועלן האָבן א געוויסן אינטערעס די אייניקע נאָטיצן, וואָס איך ברענג דאָ.

## 1. וועגן לינעצקעס אידעאָלאָגישער געשטאַלט, אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן

די פאַרשיידענע פּרוּוון, וואָס זייַנען ביז איצט געמאַכט געוואָרן צו כאַראַקטעריזירן לינעצקעס פּערזענלעכקייַט, האָבן זיך באַזירט בלויז אַפן „פוילישן יינגל" [1].

פאַראַן פאַלן, ווען א ליטעראַריש ווערק שעפּט ניט אויס די פולע אידעאָלאָגישע באַציִונג פונעם שרייַבער צו דער געשטעלטער פּראָבלעם. אַמאָל קאָן מען זיך אָנשטויסן אויך אַף געוויסע ווידערשפּרוכן. אין אַזעלכע פאַלן איז נייטיק קלאָר מאַכן אַנדערע זייַטן פונעם שרייַבערס טעטיקייַט. איז שוין אָבער די עפּאָכע פון די 60-ער יאָרן באַדעקט מיט א היפּש ביסל שטויב, און לויט די פאַראַנענע מאַטעריאַלן לאָזט זיך דערווייַל ניט אויפשטעלן קיין קלאָר בילד וועגן לינעצקעס פּערזענלעכקייַט אין יענער צייַט. עס איז פאַראַן אָבער איין געביט, וואָס קאָן פיל אַרויסהעלפן אין דערדאָזיקער הינזיכט, — דאָס איז פּובליציסטיק. איז לאָמיר זיך ווענדן צו דעם קליינעם ביסל פּובליציסטישע אַרבעטן, וואָס לינעצקי האָט אונדז געלאָזט פון יענער צייַט — דאָס איז צוויי-דרייַ אַרטיקלען, אָפּגעדרוקטע אינעם „קול מבשר" אין דער צייַט פונעם „פוילישן יינגל".

דאָס ערשטע אַרטיקל — לינעצקעס דעביוט אין דער יידישער ליטעראַטור — הייסט „געזוכט און געזוכט און אָנגעטראָפן מייַנם"! דאָס שטעלט פאָר מיט זיך א גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ. קומענדיק קיין ניקאָפּאָל, איז לינעצקי אַרייַן אין א גרויסער באַגייַסטערונג פון די אָרטיקע אידעאַלע מאַסקילים, און זינגט זיי אָפּ א לויב-געזאַנג. ער באַקומט היספּייַלעס פון דעם, וואָס

„דאָ (אין ניקאָפּאָל; י. ר.) איז ניטאָ קיין בעזונדערע סעקטען... אַללע ליעבען דיא בילדונג און זענען אויך גאָטס חסידים... דער רב לערנט זיין זוהן פראַנצעזיש, דער געביל-דעטער זאָגט תהילים... דער אַריסטאָקראַט גייט ערב ובקר אין שול אַרייַן" [2].

א פיל גרעסערע באַדייַטונג האָט פאַר אונדז לינעצקעס צווייטער אַרטיקל „אויסגע-ביטן א שמאַטע אויף א שמאַטע".

דער מעכאַבער שאַצט דאָ אָפּ דעם פּאָזיטיוון ווערט, וואָס עס האָבן געהאַט צו זייער צייַט דאָס כסידעס און די האַסקאָלע, דערמיט, וואָס זיי האָבן מיטגעהאָלפן „יודען אַרויסצו-שלעפּן פון דעם פּערקאַוויטין און פערשפּאַרטין צושטאַנד, וואָס דאָס מתנגדות האָט זייא געהאַלטען אין איהם יאַהרהונדערטער". „דער הסידיזמוס — שרייַבט ער אין דעמזעלבן אַרטיקל — האָט איינגעפיהרט פּיעל רעפאָרמען: דאָס פייניגען האָט פערלוירען זייַן שטאַרקייט, עצבות האָט אויפגעהערט, נאָר לעבעדיג, לוסטיג זאָל מען זיין..."

ער ווייַזט אָבער אָן, אַז „מיט דער צייט האָבעןביידע פּאַרטייען זיך אָוועקגערוקט פון זייער ציעל, דורך זייערע תלמידים, וואָס געהען ניט אַקוראַט אין זייערע וועגען". „אמת — שרייבט ער — עס געפינט זיך נאָך אי דאָ אי דאָרט פולקומענע מענטשן, וועלכע פּאָלגין נאָך זייער ציעל און היטען דעם מיטעלפּונקט, אָבער וויפּיעל געפינט זיך נאָך אַזוינע?".

אָט דאָס „היטען דעם מיטעלפּונקט" ווערט בא לינעצקין די „פיקס-אידייע". אינטע-רעסאַנט איז דער אויספיר צו וועלכן ער קומט:

„פון דעם אַללעמין זעהען מיר אַרויס, וויא גוט עס וואַללט געוועזין, אַז יודען זאָלין זיך האַלטין אין איין יסוד, איטלעכער זאָלל זיך מיה געבען צו דערלאַנגין דאָס ציעל, וואָס ביידע פּאַטריאָטן צוזאַמען (דער באַלשעם און מענדעלסאָן. י. ר.) האָבען געמיינט לויט די צייט פּאָדערט ביז זייא וואָלטין זיך פּעראייניגט" [3].

---

[1] זע, לעמאַשל, א. ליטוואַקס בראָשור „י. י. לינעצקי", קיִעוו, תרע״ט; זע אויך די אַנטשפּרעכנדיקע שטעלן אין נ. שטיפס אַרבעט „הומאַניזם אין דער יידישער ליטעראַטור".

[2] קו״מ, 1867, ז. 62.

[3] קו״מ 1867, זע 154—155.

אָט דידאַקטיקע מאַסקילישע שטעלע בלײַבט פאַר אונדז באַזונדעס אינטערעסאַנט. זי באַווײַזט אונדז, אַז לינעצקי איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַ באַשטימטער סינטעז-אידייע.

עמעס, זי איז ניט שפּאָגל-נײַ דידאַקטיקע אידייע. איר פּאָנענטרעגער איז נאָך פריִער געווען דער באַקאַנטער שרײַבער א. צ. צווייפל. אָט פון אים טאַקע האָט לינעצקי געזאָלט באַײַנפלוסט ווערן. מיר ווייסן, אַז לינעצקי איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען צווייפלס טאַלמיד אין דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול. וועגן דער דערעכערעך-באַציִונג, וואָס לינעצקי האָט פאַרהיט צו זײַן לערער, ווערן מיר געוואָר פון דער „קורצער ביִאָגראַפיִא פון באַרימטען פּאָלקס-שרײַבער ר׳ יצחק יוֹאל לינעצקי" (אגעוו, ריכטיקער, אווטאָביִאָגראַפיִע, ווײַל ער האָט זי אליין אָנגעשריבן) אינעם „חג היובל". ער ווײַזט דאָרט אָן, אַז ער האָט מיט צווייפלען „דורך די נעכט פאַרבראַכט אין טוירע און כאָכמע" [1]

צעדערבוים, דער רעדאַקטער פון „המליץ" און „קו״מ", האָט אויך געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן אָף די שפּאַלטן פון די צײַטונגען דידאַקטיקע אַכדעס-טעאָריִע. מיר וואָלטן געקענט ברענגען אין די צענדליקער אַזעלכע שטעלן פון זײַנע אַרטיקלען, וואָס זאָלן דאָס באַשטעטיקן. מיט צוויי יאָר פאַר לינעצקין האָט צעדערבוים געשריבן: „האַלעוויַ וואָלטן כסידים און ערנסטע אופגעקלערטע זיך געוואָלט אויסמישן מיט זייערע מײַלעס, די כסידישע היסלײַוועס, דער ברען מיט דער געבילדעטער זיטלעכקײַט און געלאַסנקײַט, דעמלט וואָלטן ייִדן ווידער געוואָרן אַ יין פּאָלק" (צעדערבוימס קורסיוו, ק״מ, 1865, ז. 428).

אָבער ניט נאָר אין דער פּובליציסטיק אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז לינעצקעס אידעאָ-לאָגישע געשטאַלט. אינעם „פּוילישן ייִנגל" גופע (ערשטע אויסגאַבע) געפינען מיר אייניקע אינטערעסאַנטע שטעלן, וואָס ריידן גאַנץ אָפן וועגן לינעצקעס אידעאָלאָגיִע פון יענער צײַט. אָף זײַטל 93 לייענען מיר:

„איהר מיינט אפשר, אַז מען ווילל צוריק רעדען, זענין דרינין די הייניטיגע אויפגע-קוממענע, אויפגעקלעהרטע אין די קליינע שטעדטליך גאָר אין גאַנצען שולדיג? חלעבין ניין! וואָללט מען מיט זייא ניט געהאַט צו טהון פאַר דער מינדסטער זאַך, וואָס זייא דערלויבען זיך, פאַר אַ קערצען ראָק מיט לאַנגע פאַנטעליין מיט אַ זשילעט און אַ האַלז-טיכעל, פאַר אונטערגעשניטענע פאות, און זייא נאָכטייטען מיט דיא פינגער, רופען אפּי-קורסים, ניט לאָזען עולה לתורה זיין, וואָלטען זייא זיך ניט דערווייטערט פון דעם עלטערען עולם און וואָלטען בהדרגה זיך אויסגעבילדעט טאַקע אויף דעם יודישען שטייגער, צו גאָט און צו לייט. דערפאַר, וואָס מען דערווייטערט זיך פון זייא, מען דאָקוטשעט, מען רייצט זייא, שפּרינגען זייא נאָך ווייטער אָב, טהוען אויף צוזעצעניש, להכעיס, און וואַרפען גאָר אַראָב דעם עול פון יודישקייט, איידער זייא האָבען אַרויפגענוממען דעם עול פון דער אמתער בילדונג, וואָס הייסט אויסדריקליך זיין רעליגיִעז מאָראַליש און זיך האַלטען אין אללע עכט נאַציאָנאַלע זיטטען און מנהגים ובפרט דינים".

אַז לינעצקי האָט בעשומויפן ניט געמיינט זיך אָפּטרייסלען אינגאַנצן פון כסידעס וועט אונדז אויך באַווײַזן אַזאַ שטעלע פונעם קאַפּיטל „מיין חלום":

„איך ווייס נאַררישע מענשען פרעגען מיר קשיות. רב׳שע, אַז דיר איז ווידער דער וועג ניט רעכט, פאַר וואָס מאַכסט דוא נישט קיין עק פון אַלע גוטע יודען אויף איין מאָל, וועט פערשפּאָרען דאָס פאָלק פערפיהרט צו ווערין? „שוטים! איהר געהט צו ווייט און וויללט דערגעהען מיינע געהיימניססע!... אלא מאי, עס זענין דאָ פיעל פערנאַרטע מענשן, וואָס האַלטען דיא זונן, דיא לבנה מיט די שטערן פאַר גאָטטער, נא וועל איך פאַר די נאַראָנים מחריב זיין אללע הימלסקערפּער, דיא גאַנצע וועלט זאָלל אונטערגעהן, ובפרט אַז דיא גוטע יודען מיט חסידים זענין דאָך אויך מיינע בעשעפּענישען, איך האָב זייא אויך געגעבען אַ בחירה, אונ לאָז זייא צייט, זייא זאָללען זיך בעססערען... אי זייא טוהען עס ניט... נישט קשה, איך האָב צייט... פיעלע, פיעלע פערשטעהען שוין גוט זייער צוועק און בענוטצען צום גוטען דען גייסט און דיא בחירה וואָס איך האָב זייא געגעבען. אַזוי וועט אויך זיין מיט דעם חסידיזמוס" [2].

[1] „חג היובל", אָדעס 1891, ז. 12. אגעוו, וועגן דער באַזונדערער דערעכערעך-באַציִונג פון לינעצקען צו צווייפלען איז מיר אויך אויסגעקומען צו הערן פון זײַנע אָדעסער פרײַנט ל. מ. וועפּריק (אין זײַנע הענט איז אײַנגעשטאַנען דער לינעצקי-אַרכיוו, איידער ער איז איבערגעגעבן געוואָרן און דעם „מענדעלע-מוזיי") און ל. מאַריינים.

[2] „דאָס פּוילישע יונגעל", ערשטע אויסגאַבע, ז.ז. 167—168.

קלאָר, אז כסידעס ווערט דאָ ניט פארורטיילט. די „גוטע יידן" מיט די כסידים זײַנען עס די „הימלסקערפּער", אָן וועלכע די וועלט קען כאָרעוו ווערן. זיי דארפן זיך נאָר „בעססערן" און „בענוטצען צום גוטען דען גייסט אין די בחירה", מיט וועלכע גאָט האָט זיי באשאָנקען.

אין זײַן ניט לאנג דערשינענער כרעסטאָמאטיע „די עלטערע יידישע ליטעראטור" האָט נ. שטיף, ציטירנדיק אייניקע שטעלן פון לינעצקיס ארטיקלען פונעם „קו"מ" פארן 1867 יאָר, וואָס באווײַזן א געוויסע פארווייכונג פון דער אטאקע, וואָס עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך „דאָס פּוילישע ייִנגל" (ער נעמט עס דערפון, וואָס דידאָזיקע ארטיקלען זײַנען געדרוקט געוואָרן אין מעשעך פון איבערײַס, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם דרוקן אין דעם „קו"מ" „דאָס פּוילישע ייִנגל" פון נומ. 16 ביז נום, 26), געמאכט די האשאָרע, אז דאָ זאָל זײַן שולדיק די האנט פון דער רעדאקציע [1].

ווי עמעס עס זאָל ניט זײַן די האשאָרע וועגן דעם, אז צעדערבוימס האנט זאָל האָבן געבאלעבאטעוועט אין לינעצקיס ווערק — שפּעטער וועט דערפון גערעדט ווערן גענויער — וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק, ווען מיר פארזעען לאכלוטן לינעצקעס אייגענע ראָלע אין דידאָזיקע אָפּווײַכונגען.

מיר ווייסן פון אזעלכע פאקטן, אז דיזעלבע אידייעס, וואָס מיט זיי איז לינעצקי געקומען אין דער ליטעראטור אין די זעכציקער יאָרן, האָבן זיך אומופהערלעך איבערגעכאזערט אין זײַן שפּעטערדיקער ליטעראַרישער טעטיקײַט, ווען ער איז געווען זעלבשטענדיק און פרײַ אף אזא אויפן פון רעדאקטאָרישן באלעבאטעווען. אזוי האָט ער אינעם „כל-בוניק" [2] אָפּגעדרוקט אן ארטיקל „מענדעלזאָהן און דער בעל שם", ווו עס איז ווידער געקומען צום אויסדרוק די פארטיידיקונג פון די פּאָזיטיווע זײַטן פון כסידעס. עס איז אויך אינטערעסאנט אָנצוּווײַזן, אז לינעצקי האָט, איבערארבעטנדיק „דאָס פּוילישע ייִנגל" אין 1895 יאָר [3], נאָך ווייכער געמאכט אייניקע שטעלן. עס לאָזט זיך נאָכשפּירן אין דערדאָזיקער אויסגאבע די עוואָליוציע פון לינעצקיס געדאנקענגאנג. אינעם קאפּיטל „מײַן צווייטער כאָלעם" שטעלט ער שוין אין איין שורע מיט דעם באלשעם און מענדעלסאָנען אויך דעם ווילנער גאָען. זייער כאראקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז דאָס איבערגעארבעטע ליד פון די מאלאָכים. אויב אין דער אויסגאבע פון 1869 יאָר איז אין דעם ליד געקומען צום אויסדרוק די פולע אָנערקענונג פון האסקאָלע, איז אין דער אויסגאבע פון 1897 יאָר שליסט לינעצקי א שידעך צווישן האסקאָלע, מיסנאגדעס און כסידעס. עס וועט זײַן אינטערעסאנט צו ברענגען אייניקע סטראָפעס פון דעמדאָזיקן ליד, ווי עס זעט אויס אין דער אויסגאבע „דאָס חסידישע יונגעל":

„צינד נאָך דער מפלה
בעקומט שוין אויך מגידות
די תורה און השכלה
גלייך מיט דעם חסידות.
איהר קענט שוין אייער פאהן,
מתנגדים און משקילים
אויך שטעלען אויבען אָן
אהן מורא אהן בלבולים.
און אום, ליעבע קינדער,
ניט צו פירכטען פאר קיינעם —
ארבעט נישט בעזונדער...
האלט אייך נאר אין איינעם!...
דאס כסידות אויך ניט ווייכען;
מאכט זי נישט אוועק!
זי נוצט צום עררייכען
דעם אמת ריכטיגען צוועק!...[4]

[1] נ. שטיף. „די עלטערע יידישע ליטעראטור", קיעוו, 1928. אף ז. 231 שרײַבט ער: „ניקער, אז די רעדאקציע גופע האָט זיך איבערגעשראָקן פאר דער שארפער אטאקע פונעם „פוילישן ייִנגל" און האָט געפּרוּווט פארגלעטן דעם אײַנדרוק. לינעצקי האָט געמאכט א קנייטש און האָט צוליב געטון".

[2] ארויסגעגעבן אין זשיטאָמיר, אין דער דרוקערײַ פון י. מ. באקסט, אין 1876 יאָר.

[3] בא ז. רייזען, איז, מאשמאָעס, אלפי טאָעס פארצייכנט, אז „דאָס כסידישע ייִנגל" איז דערשינען צום ערשטן אין 1895 יאָר, דער טאָעס נעמט זיך דערפון, וואָס די האקדאָמע האָט אונטער זיך די דאטע 1895.

[4] „דאָס חסידישע יונגעל", אָדעס, 1897, ז. 217.

דערפון איז צו זען, אז עס לאָזט זיך איַינשטעלן א געוויסן צוזאמענבונד צווישן דעם שפּעטערדיקן און פריִערדיקן לינעצקען. אומעטום בלײַבט לינעצקי דערזעלביקער אָנהענגער פון טראדיציאָנעלער ייִדישקייַט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט לאָזן זיך אָפּפרעגן אייניקע באהויפּטונגען, וואָס זיַינען די לעצטע צײַט ארויסגערוקט געוואָרן אין דער ליטעראטור וועגן לינעצקען.

א. גורשטיין האָט אין זיַין לעצטן ארטיקל געגעבן אן אָנצוהערעניש וועגן לינעצקעס שייַכעס צום ניהיליזם.

„דאָס איז געווען די צײַט — שרײַבט ער — ווען אין דער שכיינישער ליטעראטור איז געקומען דער „ראזנאָשטשיניעץ״, וואָס האָט געבראכט מיט זיך דעם „ניהיליזם״. אין די ספּעציפישע באדינגונגען פונעם ייִדישן לעבן האָט דער „ניהיליזם״ קוידעמקאָל געוועגדעט זיַין שטורמישע אָפּלייקענונג קעגן כאסידיזם, קעגן די ראבייִים, קעגן דער אלגעמיינער פינצטערניש און אומוויסנהייַט״.

רעזומירנדיק זיַין ארטיקל, האָט א. גורשטיין פארצייכנט נאָך בוילעטער:

„מיר דערמאָנען אצינד מיט דאנקבארקייַט לינעצקעס שרײַבערישן נאָמען, ווײַל אין זיַין שאפן פון די זעכציקער יאָרן האָט געקלונגען דער ראדיקאלער „ניהיליזם״ [1].

אז לינעצקי איז געווען ווייַט פון ניהיליזם, זאָגן איידעס די פריִער געבראכטע ציטאַטעס פון זיַינע ארטיקלען, וואָס כאראקטעריזירן גאנץ בוילעט זיַין געדאנקענגאנג אין די זעכציקער יאָרן. עס וועט אויך זיַין אינטערעסאנט צו דערמאָנען דעם פאקט, אז אין איינער פון זיַינע נאָענטסטע אויסגאבעם האָט לינעצקי, אויסלאכנדיק פארשיידענע נעגאטיווע זײַטן פון ייִדישן לעבן, געפונען אויך שפּאָט פאר די ניהיליסטן.

אָט וואָס מיר לייענען אף זײַטל 43 פון זיַין „פּריטשעפּע״ (אָדעס, 1876):

„איך האָב געזעהן ניגיליסטען, וואָס שרייען אין איין קול:
„אחדות! איין תורה! איין קעשעניע זאָל זיין איבעראלל״
„ברידערשאפט — זאָגן זייא — איז דער איינציגער גאטט!
דיא מדה פון שלי שלך — שרייען זייא — איז זעהר גרויס״
צום סוף לעבען זייא און הוליען אויף יענעמס שטשאט
און פאר זייער שמעק טאבאק נעמען זייא דיא אויגען ארויס...״

אין דעמזעלביקן ווערק אף ז. 76 טוט ער, דערעכאגעוו, א בריקע די ניהיליסטן:

„... וואס טוהט היינט ניט א מענש פארן בידנע קערבעל? אָט קען איך א גאנץ געזינדל, וואס זיי זענין נעביך בעדייא ניגיליסטען, בעדייא קאמוניסטען, בעדייא סאָציאַליסטען, אביא טאמער דורומער א קערבעל״.

אָט דידאָזיקע ציטאטעס נייטיקן זיך ניט אין קיין פּיירושים [2].

עס לאָזט זיך, אגעוו, גלײַך דעשיפרירן, אז מיט דעם „געזינדל״ איז לינעצקי אויסן געווען קאָוונערן און לערנערן, וואָס האָבן, ווי באקאנט, צו יענער צײַט פארפלעקט זייערע נעמען מיט קרימינעלע פארברעכנס.

ניט וויַיניקער ריזיקאליש איז דער פארגלײַך צווישן לינעצקען מיט מענדעלען, וואָס כ׳ גורשטיין בויט:

„לויט זיַין סאָציאַל-קינסטלערישן מעהוס — שרײַבט גורשטיין — איז מענדעלע אין טאָך א „גער״, וואָס נידערט צו די פאָלק-מאסן, א טאלמיד-כאָכעם, וואָס איז געקומען מיט א גרויסן זיקאָרן פון געשיכטלעכע דוירעס און שטרעבט צו סינטעזירן צוויי קולטורן: די

---

[1] „עמעס״, 1929, נומ. 233.

[2] דיזעלביקע נעגאטיווע באציִונג צו די ניהיליסטן באגעגענען מיר בא לינעצקין אויך שפּעטער אין די אָנהייב-אכציקער יאָרן.

אָט איז א שטעלע פון זיַינער א קופּלעטארטיקער ליד „דער שקר גוס׳עט״:

אפּגעריססענע פּיסטע יונגאטשעס און מיידען,
וואָס וויללען קיין האנד אין קאלט וואססער ניט לעגען;
ריהפען זיך ניגיליסטען און האלטען רעדען,
אז אללע וועלט-אָרדענונגען זאָל מען לחלוטין פּארבעגען —
רעליגיע, געזעטץ, אווטאָריטעט און הסכם הכלל,
מאכען צו קויט און בלאָטע, צו שאנדע און שפּאט,
„אחדות, קאנפעדראצ׳יע״, ווילען זיי איבעראל
און מיינען גאר און מאכען גאר הפקרות און ראַזווראַטן!״

(„מיַין ספר הזכרונות״, צווייטער העפט, 13/8, 1882).

אָווערדיקע קולטור פונעם ייִדישן מיטלאַלטער מיט די רעאַליסטישע באַדערפענישן און מיט דער נײַער שאַפונג פון די פּאָלקמאַסן. — און ניט מענדעלעס שולד, נאָר די שולד פון זײַן סאָציִאַלן שיכט איז דאָס, וואָס אָנשטאָט דעם געזונטן סינטעז איז ער זייער אָפּט בלויז עקלעקטיש... לינעצקעס סאָציִאַל-קינסטלערישע נאַטור איז איינפאַכער, אָבער מיר האָבן ניט באַ אים אזוינע ווידערשפּרוכן. — לינעצקי איז א מאָנאָליטישער, גאַנצער. ער איז אין א געוויסער מאָס א „ריינע" קאַטעגאָריִע, ווײַל ער שטאַמט דירעקט פון די פּאָלקמאַסן" 1).

אויב ריידן וועגן ביידנס סאָציִאַלער אָפּשטאַמונג, איז מענדעלע ניט דער „גער". פּונקט ווי מע קאָן ניט זאָגן אף לינעצקען, אז „ער שטאַמט דירעקט פון די פּאָלקמאַסן", ביידע ציִען זיי זייער „שלשלת היוחסין" פון אריסטאָקראַטישע מישפּאָכעס. לינעצקי איז, ווי מיר ווייסן, א ראָווס א זון און א גוטן ייִדנס אן אייניקל 2).

דער כילעק אין זייער אַרט צוגיין צו דער מאַסע איז גיכער אין דעם, וואָס אויב מענדעלע איז געקומען מיט לאַמדישער טראַדיציִע און דערשײַנט ווירקלעך ווי דער טאַלמיד-כאָכעם, וואָס „נידערט צו די פּאָלקס-מאַסן", האָט לינעצקי, ווי א געוועזענער כאָסיד, אריבערגעטראָגן אין זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט דעם גאַנצן כסידישן ברען און טעמפּעראַמענט. וואָס איז שײַעך דער וועלט-אָנשויונג פון לינעצקען, האָבן מיר שוין געזען, אז ער איז פול מיט ווידערשפּרוכן ניט ווייניקער ווי מענדעלע. פּאַרקערט, פאַרגלײַכנדיק לינעצקען מיט מענדעלען, קאָנען מיר אײַנגעפינען אפילע א געוויסע ענלעכקײַט אין זייערע וועלט-אָנשויונגען, פאַרשטייט זיך, אויך מיט אן אונטערשייד. אויב דער פּריִיקער מענדעלע האָט, קעמפנדיק פאַר די רעאַלע באַדערפענישן פון די פּאָלק-מאַסן (אינעם „קליין מענשעלע"), ארויסגעשטעלט ווי א סינטעז האַסקאָלע מיט „יראת שמים", האָט לינעצקי אין דער צײַט פונעם „פּוילישן ייִנגל" געטרוימט וועגן א צוזאַמענבונד צווישן האַסקאָלע און כסידעס 3).

אויב א. גורשטיין האָט אײַנגעפונען אין לינעצקיס פּריִיקן שאַפן ניהיליזם, האָט נ. שטיף איבערגעבויגן דעם שטעקן אף דער צווייטער זײַט.

אין זײַן דערמאָנטער „עלטערע ייִדישער ליטעראַטור" מאַכט ער לאַכלוטן צונישט לינעצקעס סאָציִאַלע טענדענצן:

„צומיינסטן — שרײַבט שטיף — איז דאָס געזעלשאַפטלעכע קריטיק, צעביטן אף קליי-ניקײַטן; א שטאָך „גוטע ייִדן" און זייערע כסידים, א ביס די פּרעפערענס-אופגעקלערטע, די געמאַכטע אריסטאָקראַטן און די „געבולבעטע" דאַמעס, א בריק ייִדישע שרײַבער, רעדאַקטערס, א ריס סאָכרים, געשעפט-מענטשן און זייער פאַרגלויביקײַט אינעם „קערבל"... ארום און ארום איז דאָס באַלעבאַטישע טײַנעס, אָן א באַשטימטער סאָציִאַלער אידעאָלאָגיִע (כוץ דעם אינסטינקטיוון האַס פון אָרעם און האַלב-געבילדעט צו רײַך און געבילדעט), אָן יעדן געזעלשאַפטלעכן רוקנביין" 4).

אָבער אזא טעזיס אנטשפּרעכט אויך ניט דער ווירקלעכקײַט. לינעצקעס לייט-מאָטיוו איז גאַנץ אָפּט דורכגעדרונגען מיט א באַשטימטער און באַוווּסטזיניקער סאָציִאַלער טענדענץ. באַ ווייניק שרײַבער פון דער האַסקאָלע-עפּאָכע האָבן מיר אזא איבערווײַגנדיקע פעסטע אָריענטאַציִע אף די באַוווּסטע פּאָלקשיכטן, ווי באַ לינעצקין. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען אין די צענדליקער ציטאַטעס פון לינעצקין, וואָס זאָלן דאָס באַשטעטיקן 5).

---

1) „עמעס", 1929, נומ. 233.

2) אין דער רעדע אף לינעצקעס יובילײ-פּײַערונג האָט איש-נאָמי געגעבן לינעצקין אזא „אטעסטאציִע": לינעצקי איז א בנו של קדושים, זיינע עלטערין, קרובים און מחותנים זענען אליין פארשטעהער פונעם חסידיזמות" („חג היובל", ז. 20).

3) שפּעטער מיט אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר האָט לינעצקי זיך געשלאָגן „אל-כעט" דערפאַר. אין זײַן „רשימה פון מיינע עבירות", וואָס ער ברענגט אינעם ארטיקל „לגולה נסתרות בדין", האָט ער פארצייכנט: „האָסט פארבראכט א צייט אויף צונויפשפאנען חסידים מיט אריסטאָקראטן — האָסטו עובר געווען אויף דעם לאוו „לא תחרוש בשור וחמור יחדיו". (זע „מיין ספר הזכרונות", 7-טע העפט, אָדעס. 1883).

4) נ. שטיף, „די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור", ז. 232.

5) וואָס באַטײַט, לעמאָשל, אזא שטעלע?

„... מיר דארפן... נאר נאכפאלגען אונזער הייליגען צוועק! נאר אויפ'ן פראָסטען וואכעדיגען געשמאקען זשארגאן זיך אויסרעדען מיט אונזערע פראָסטע דערשלאגענע ברידערליך: מיט אונזערע בירנע/בעלי-מלאכות, מארק-מענשען, טרעגער, האָרעפּאשניקעס, וואס פארברענגען נאך זייער וויסט פינצטער לעבען אין דארעניש און קווארעניש מיט א פארשימעלטער שישקע מיט קנאָבעל, ווייל זייערע בעלי טובות דארפען שאמפאניִער, עקיפאזשען, ביירער און מאסקאראדען — לאמיר זייא, אויף זייער פראָסט ווארם יודיש, ערקלערען, אז זייא זענין אויך אויסגעפאָרמעוועט פון דעם אייגענעם בלוט און פלייש, וואס די גבירים; אז זייא זענין ניט יין אומזיסטיגע ארבעט-פערד; אז זייערע הערצער זענין אויך ניט פון טשוגון, זייערע מוחות אויך ניט פון דרילליעס ראון זייערע נערוון אויך ניט פון דראטשוועס — נאר דאס האבן זייא, זייערע גבירים, בעלי-טובות, גוטע יודען, שטארט

אזעלכע ציטאטעס זײַנען פארשפּרייט אין לינעצקעס פּובליציסטישע ארבעטן, זיי דערציילן, אז לינעצקעס שארפער ארויסטריט קעגן „גוטע ייִדן" און כסידים איז בעשום אויפן ניט געווען קאמף קעגן פינצטערניש ביקלאל. דאָס איז געווען א געוואגטער אקשאָ־נעסדיקער קאמף קעגן דער ווילדער עקספּלואטאציע פון א באשטימטער הערשנדיקער גרופּע, וואָס האָט, אויסנוצנדיק איר עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאגע, מיט דער הילף פון רעליגיע, אומבעראכמאָנעסדיק פארשקלאפט די פינצטערע פאָלקמאסע.

עס איז, פארשטייט זיך, ריכטיק דער פאקט, אז מיר האָבן בא לינעצקען אויך „געזעלשאפטלעכע קריטיק צעביטן אף קליינינקײַטן" און סטאם „באלעבאטישע טײַנעס", אָבער צי שטערט דען דאָס צו געפינען די ריכט־שנור פונעם שרײַבערס אידעאָלאָגיע?

מע דארף דערצו געדענקען, אז דער קאָלבוי־כאראקטער, וואָס די ליטעראטור האָט דעמלט געהאט, האָט געשטימט מיט דער ליטעראַרישער טראדיציע פון יענער צײַט, וואָס איז געווען: געבן א קריטיק אפן גאָרן ייִדישן לעבן. אין דער דיכטונג האָט דעמלט עקסיס־טירט אפילע א ספּעציעלער זשאנער, דאָס איז די קופּלעטארטיקע ליד, אָדער ווי דאָס פאָלק האָט עס גערופן „א קריטיקע", ווו עס פלעגט אָפּגעלאַכט ווערן אלץ, וואָס עס האָט געהאט אן אָרט אין לעבן. וועלנדיק פארכאפּן אלץ, פלעגט דער שרײַבער ס'ראָוו אָפּשטעלן די אופמערקזאמקײַט אויך אף קליינלעכע און גאנץ אָפט ניט נייטיקע און ניט כאראקטעריסטישע מאָמענטן. עס וואָלט אָבער געווען צו ריזיקאליש צו באשטימען די אידעאָלאָגישע געשטאלט פון א שרײַבער אפן סמאך פון איינצלנע אזעלכע מאָמענטן.

ווי אסאך אנדערע פאָרשטייער פון דער האסקאָלע, האָט לינעצקי אויך ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט דעם געדאנק פון סאָציאַלן יושער. פאר אים, ווי פאר אנדערע זײַנע צײַט־כאווײרים, זײַנען אָבער געווען פארשטעלט די סיבעס פון סאָציאַלער אומגלײַכקײַט, ווי אויך די מיטלען און וועגן, ווי ארום צו פארענטפערן די נויטן פון די פאָלק־מאסן [1].

עס האָט דאָ מיטגעטאָן, פארשטייט זיך, דער גאנצער ארסענאל בעסמעדרעש־ און קלויז־קולטור, מיט וועלכער מע איז געקומען. ניט זעענדיק קיין אנדערן, רעוואָליוציאָנערן וועג, האָבן דידאָזיקע שרײַבער, אָנשטאָט דער אידייע איבערצואנדערשן דעם גאנצן וועלט־סיידער, געווענדעט זייער פּראָטעסט קעגן דער מענטשלעכער פארדאָרבנקײַט פונעם גוויר.

---

יחסנים אזוי אָנגערעדט, אז זייער הארץ שלאגט ניט, אז זייער בלוט קאכט ניט, אז זייערע געהירען דיינקען ניט... און דיא אומגליקלעכע האבין זיך אזוי געלאזט פארשלאפען, און האבן זיך טאקע אזוי אנגערעדט, אז זייא זענין טאקע באמת עפּעס גאר פון א־נ־אנדער כארט, פון א־נ־אנדער מאטעריע, און סע איז טאקע פאר זיי אונמעגליך זיך אליין צו רוקאוואדסטוועז... אן א אויבערהאר, א בעל־טובה־ניק, א פארזארגער, א מוסר״זאגער, א תקנות־מאכער וכדומה. לאמיר זייא עפענען די פארשלאפענע אויגן און ווייזען זייא, אז דאס האבן זייא זייערע בעלי־טובות אנגע־רעדט! — דאס נוצט זייא צו זייערע אפערעס... זייא דארפען, אז דאָס פראסטע פאלק זאל פון גארניט וויסן... לאמיר איהם (דעם פראסטען עולם) אויספיהרלעך ערקלעהרען, אז זיינע פארשטעהער, זיינע פארזארגער קויפען בייא איהם אָפּ דיא וועלט א מציאה פון א גנב! — און רעדען איהם אן, אז דערפאר וועללען זייא איהם מזכה זיין מיט יענער וועלט — די גוטע יודען צאפּען איהם אויס זיין לעצט ביסעל מארך, און רעדען איהם אן, אז זייא זענין מתקן זיין נשמה לעתיד לבוא... רבנים, מגידים, אייניקליך, בטלנים, צבועקעס, כלי־קודש און אזוי שיינע יודען, מעלקין בייא איהם אויס זיין לעצט ביסעל מאמעס מילך, און גיבן איהם דערפאר חומרות, תקנות, גזרות גה־נם און גן עדן־קארטען, שמירה־לעך, מים שלנו'ס, סוכה־שערין, נשמה־לעכט, יקנה״ז, חרוסת, פסוקים אתה הראית, סליחות שטאטשיקעס, חנוכה־שמשים, א לעק כוס של ברכה, א שמעק הבדלה־שנויץ וכדומה... שטאדט בעלי טובות, בעל טאקסעס, יאבעד־ניקעס, זאקאניקעס, שוהל גבאים, חברה קדושות, משגיחים, קהלישע שרייבערס, שטאדט עזות פנימער, גלאט קהל'ס לייט פארקויפען איהם אויפ'ן לויט, עססען איהם און ברעכען איהם אויס — און פאר זיין גאנצער בלוטיגער הארע־וואניע אינים לעבען — בעקוממט ער א־נ־אמת כשר אויסגעטראכטע פּליאקע אויף שבת! א־נ־אמת כשר'ן קנאכען־ביין אן א שום סרכא פלייש אויף פסח וכדומה — דאס אללעס לאמיר איהם ערקלעהרען! לאמיר איהם רעדעווריג מאכען... לאז ער אנהויבען פראטעסטירען א קעגען זיינע בלוטצאפערס". („דער סטאטעק", אדעס 1876 ז.ז. 114—116). איז דאָס ניט אן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַלע פּראָגראם?

[1]) ווי ווײַט לינעצקי האָט ניט געהאט קיין פארשטענדעניש פאַרן ניט ייִדישן ארום, וועט אונדז קלאָר ווערן פון אזא שטעלע: פארורטיילנדיק אף דעם שארפסטן אויכן די פילאנטראָפּישקײַט פון דער ייִדישער בורזשואזיע, וואָס איז אויסן נאָר צו פארדעקן איר עקספּלואטאציע, קעדיי „לײַטן די מײַלער פארשטאָפּן", ווערט לינעצקי מאמעש צעגאנגען אין לויב־געזאנגען פאר דער ניט־ייִדישער בורזשואזיע, וואָס טוט עס מאשמאָעס, אויס אופריכטיקער ווילטעטיקײַט:

„. . . . דער רייכער (בויער) וויא נאר א סחאדקע, סטארעט זיך וויא ווייט מעגליך ניט ארויס צו געבען פון זיך דעם מינדסטען טאהן פון געלט... וועהרענד אין א דארפס געמיינדע ווערין זיך טאקע יא אלע וואהלטהעטיגע אנשטאלטען געשטיפטעט נאר דורך מיטעל פון די רייכע בויערן... דער לייהעט... אויס א פאר טויזענט קערבליך אויף אייניגע יאהרען דעם קהלס ניעדאָימקעס צו באצאהלען, דער עפּינט זיינע אמבארען אויס צו לייהען תבואה פון זריעה וועגן פאר די ארימע איינוואהנער... און דער ליארעס איז גאָר ניט אזוי גרויס, ווער הערט, אָדער ווער זעהט, אז א חאמא מאקאריטש האט פארטהיילט אפשר הונדערט טשעטווערט קארין און ווייץ אויף זריעה? צו אז א גריגאריע אנדרעאיטש האט אויסגעליגען דער געמיינדע צווייא טויזענט רובעל אויף פאראט?"... (זע „דאס משולחת", זשיטאמיר, 1875, ז. 54).

## 2. די אומשטענדן, בא וועלכע עס האָט זיך געדרוקט „דאָס פוילישע יינגל“

עס איז באקאַנט, אז צעדערבוים האָט אין די ערשטע יאָרן פון דער עקסיסטענץ פונעם „קול מבשר“ אויסגעמיטן טענדענציעזע טעמעס, וואָס קאָנען אופרייצן פארשיידענע גרופעס פון דער באפעלקערונג. שפּעטער איז צעדערבוימען אויסגעקומען אָפּצוזאָגן זיך פון דעם נייטראַליזם. אין דער מיט זעכציקער יאָרן האָט דער פריערדיקער פּארעוועער טאָן אָנגעהויבן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאר דרייסטערע קאמפּ-מאָטיוון. דאָס הויפּט-אָרט אין דידאַזיקע מאָטיוון האָט פארנומען דער קאמף קעגן כסידעס, וועלכן פארשיידענע שרײַבער און קאָרעספּאָנדענטן האָבן געגומען באשטרײַטן פון אלע זײַטן.

קיין באשטימטע ליניע קעגן כסידעס האָט דאָך דער „קול מבשר“ ניט געהאט. שטרעבנדיק צו געבן א צײַטונג, וואָס זאָל זײַן א „דבר השוה לכל נפש“, האָט צעדערבוים זיך געהיט פון צו א שארפן טאָן. אזוי מאכט ער אָפּט א מין היסנאצלעס. אף איין אָרט זאָגט ער „מיר שרייבען ניט און נעמען ניט אויף קיין ארטיקעל אקעגען דעם חסידישען סיסטהעם, ווארין דאס זענין אמונה-זאכין“ [1], זײַן אופגאבע איז געווען בלויז מוסערן מיט ווייכע רייד די שלעכטע כסידים, אז זיי זאָלן ווערן לײַטישער. קימאט אומעטום פילט זיך דער רוידעפ-שאָלעם-טאָן. „אייך ארט — שרײַבט ער — אז מע זאטשעפּיט אייך, פארוואס לאזט איר ניט יענעם צופריעדען? איהר האלט פון דעם צדיק, יענער פון איין אנדערען, וואָס ארט אײַך? קריעגט אייך נישט, שלאגט אייך ניט, שטערט נישט דעם יודענס גליק“.

ווי סע ווײַזט זיך ארויס, איז אָבער געווען א וויכטיקע סיבע, וואָס האָט געצוווּנגען צעדערבוימען ברייטער צעעפענען די טויערן פונעם „קו"מ“ פאר אנטיכסידישע מאָטיוון. אן אָנצוהערעניש דערוף האָט צעדערבוים אליין געגעבן. שרײַבנדיק נאָך פריער וועגן די סיבעס, וואָס האָבן אים באוויגן זיך ארײַנצומישן אין כסידעס, האָט צעדערבוים זיך געקלאָגט: „מע האט אונז געגוג געשמירט פאר דער רעגיערונג, אז מיר האלטין מיט די פאנאטיקער, שיטצען די חסידים און גרעאטהען די רעדאקציע צו שליעסען“ [2]. איצט וועט זיך לאָזן געגויער דעשיפרירן דעם באטײַט דערפון.

אין די סאָף זעכציקער יאָרן איז צעדערבוימען אויסגעקומען אויסצושטיין א שטארקן קרייץ-פײַער מיצאד א קליינער גרופּע פּאָרגעשריטענער אינטעליגענץ. דאָס זײַנען געווען די „ניהיליסטן“ מיט קאָוונערן בעראָש. געטרײַע טאלמידים פון פּיסארעוון, האָבן דידאָזיקע „ראזנאָטשינצעס“ געמאכט א גאנץ דרייסטן אָנגריף אף דער באטלאָניש-העברייִשער מעליצע-ליטעראטור פון יענער צײַט [3].

אין קעגנזאץ צו יענע מאסקילים, וואָס פאר זיי איז די ליטעראטור, ווי די האסקאָלע ביכלאל, געווען די „בת השמים“, האָבן די ניהיליסטן פּראָקלאמירט נײַע קריטעריִען פאר ליטעראטור; די ליטעראטור דארף קוידעמקאָל ברענגען נוצן פארן פאָלק.

אין זײַן בריוו צו פּאפּערנען האָט קאָוונער, לעמאָשל, געשריבן:

„ווי פּיסארעוו, בין איך גרייט אָפּגעבן טויזנט לידער פון דײַן פּושקין, לערמאנטאָוו און מ. לעבנזאָן פאר א פּאָשעטן נאָר נוצלעכן ארטיקל וועגן פעלדער-באגיטיקונג“.

בעערעך אין אזא נוסעך האָט זיך אויך ארויסגעזאָגט שפּעטער לערנער אין זײַן „דורש אל המתים“:

„המדעים היפים — האָט ער געשריבן — עוד ללוקסוס יחשבו בזמן הזה... כי בעת אשר העם רעב ללחם לא טוב להאכילם לביבות“ (אין ייִדיש: „די שיינע וויסנשאפט (געמיינט:

---

1) „קו"מ“ נומ. 1, 1866 יאָר.

Ibid (2.

3) אין דער העברייִשער פּרעסע איז אָפּגעגעבן געוואָרן פיל אָרט דערדאָזיקער פּאָלעמיק. אין „קו"מ“ געפינען מיר בלויז געציילטע עטלעכע שטעלן וועגן דעם. אָט איז א שטעל, וואָס מיר נעפינען אינעם פעליעטאָן „סצענען אין שול“ פון א ר . . . ר נכתב („קו"מ“, נומ. 50, 1867).

„א קעגין איז אבער דא איין אנדער סארט שרייבער, וואס זענין היינט אויך שטארק אין דער מאדע. דאָס איז שוין ניט קיין פּראָסטע פליגען, — דאס זענין שוין קאמארעס, וואס בייסען. צו זייא געהערין מייסטען טהיילס יונגע לייט, וואס האבין פּרעטענציעס אויף ביהיליסטען (גאר נישטען) צו זיין, וואס בייא טאג בלעטערען זיי שליידען און בייא נאכט חלמט זיך זייא ביכנער. זייא מאכין פון דער פעדער א קאנטשיק און שמייסען. איינער שמייסט אויף רוססיש, דער אנדערער שמייסט אויף דײַטש, דער דריטער — אויף אידיש. זייא שמייסען אזוי לאנג ביז מע חאפּט זיך ניט ארויף אויף זייא, דעמעלט געהען זייא אוועק גוט אפּגעשמיססען. הייססען, הייסען זייא קריטיקער. מיינט איהר דאך אפשר, אז א קריטיקער צו ווערין איז א שווערע הלכה? חלילה! אומגעקעהרט, עס איז זעהר א וואלוויל מיטטעל זיך קונה שם זיין, מען דארף נאר זיין איין עזות פנים, זידלען די אלטע מחברים, לאכען פון די נייע — איז מען שוין א פערטיגער קריטיקער . . . אמת, די קריטיק דארף נישט חנפהנין... אבער זידלען און שרייען ווען מען איז גאטט די נשמה שולדיג — דאס הייסט ניט קיין קריטיקער, דאס הייסט — אן אָנחאפּער, א קאמאר“.

די קונסט) זײַנען נאָך אין.דער איצטיקער צײַט א לוקסוס-זאך... ווען דאָס פאָלק איז הונגעריק אף ברויט איז ניט גוט זיי צו האָדעווען מיט קרעפּלעך" [1]).

אין זייערע פּאמפלעטן האָבן די ניהיליסטן ניט געשאנעוועט, סײַ די קאנאָניזירטע ווערטן, סײַ די אָנגענומענע אווטאָריטעטן.

דער קאמף פון די „יונגע" קעגן די „אלטע" האָט זיך אָבער ניט באגרענעצט בלויז מיט פאמפלעטן אפן באָדן פון ליטעראטור-קריטיק.

ניט האָבנדיק, עמעס, קיין קלאָרע פּראָגראם וועגן פּראגעס פון געזעלשאפטלעך-קולטורעלער איבעראנדערשונג פונעם ייִדישן לעבן אין אלגעמיין, האָבן זיי דאָך ניט אָפּגע-זאָגט זיך צו קלאפּן אף די סאמע אָנגעווייטיקסטע פּאָלק-מאקעס פון יענער צײַט. אזוי זײַנען זיי, לעמאָשל, געווען שארפע קעגנער פון כאסידיזם. באגרענעצט אין דרוק-מעג-לעכקײַטן, האָבן די ניהיליסטן זיך געווענדעט צום געוויינטלעכן מיטל פון יענער צײַט — צו מעסירע.

און דאָס איז גאנץ מערקווירדיק: די ניהיליסטן, וואָס דער באקאנטער צענזאָר פּיאָדאָראָוו-גרינבוים האָט נאָך פריִער פאָרגעלייגט צו רוידעפן זיי, דערפאר וואָס ארום זיי גרופּירן זיך די אלע, וואָס טראָגן אריבער דאָס לייקענען פונעם געביט פון גלויבן אין געביט פון פּאָליטיק [2]), האָבן פארשטאנען, אז קעמפנדיק קעגן כסידעס און פאנאטיזם, וועלן זיי איינצײַטיק צוטרעפן צו די קאוואָנעס פון דער רעגירונג.

אזוי געפינען מיר אין ארכיוו פון נאָוואָראָסישן און בעסאראבער גענעראל-גובער-נאטאָר א וויכטיקן דאָקומענט, וואָס טראָגט ארײַן א געוויסע קלאָרקײַט אין דערדאָזיקער פראגע. דאָס איז צעדערבוימס א באקאָשע (געשריבן אין דײַטש) צום דעמאָלטיקן גענעראל-גובערנאטאָר קאָצעבו.

„אויב איך וואג — שרײַבט ער אים — קומען מיט די דערעכערעצדיקע שורעס פאר אײַער עקסעלענץ, האָט עס געטראָפן דערפאר, וואָס איך בין געוואָר געוואָרן, אז צום באדויערן האָט מען אָנגעקלאָגט אף מיר, אז אין די ביידע צײַטונגען, וואָס איך רעדאגיר, שטעל איך העכער דעם כסידיזם און האלט זיך בא א ריכטונג, וואָס איז פײַנטלעך דער אופקלערונג.

ניט זײַענדיק שולדיק אין דעם אלעמען, בין איך פונדעסטוועגן געוואָרן א ציל פאר ענערגישע פארפאָלגונגען, פון וועלכע עס קאָן מיך ראטעווען נאָר די באשיצונג פון אײַער עקסעלענץ".

ווײַטער גייט אויסגערעכנט א צעטל פארדינסטן, אף וועלכע צעדערבוים פארופט זיך, בעטנדיק די הילף פונעם גענעראל-גובערנאטאָר [3]).

אז דערדאָזיקער קאמף קעגן צעדערבוימען איז געווען א סיסטעמאטישער, איז אויך צו זען פון זײַנע שפּעטערדיקע ארטיקלען.

אָט איז, לעמאָשל, א שטעל, וואָס מיר געפינען אין דער באמערקונג פון דער רעדאקציִע צו אן ארטיקל „אפשר איז אזוי גלייך" פון ראבינאָוויטש:

„וויפיעל גאלל מאכען אונז אן טהייל כלומרשט אויפגעקלעהרטע מיט זיינע מסירות. עס ארט אונז שוין ניט אזוי אונזער כבוד, וויא די באליידיגונג פון כלל ישראל, ווארין וואס זאגט דער קריסט... אז מע זאגט אָדער שרייבט איהם: דער רעדאקטאר, וועלכען מע האלט געוועהנליך פאר א געבילדעטען מענש, וואָס געהט מיט דער צייטגייסס... אונטערשטיצט דען פאנאטיזמוס און פארטהיידיגט חסידים מיט גוטע יודען" [4]).

מיר קאָנען זיך אויך פארופן אף א דאָקומענט, וואָס ש. באָראָוואָי האָט פארעפנטלעכט אין זײַן פריִער דערמאָנטער ארבעט (ז.ז. 241—242).

אָט דער דאָקומענט, וואָס האָט שוין עמעס א שײַכעס צו סאָף 1867 יאָר, דעשיפרירט אונדז שוין גענוי דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט אָן סאָפעק געשפּילט די הויפּט-ראָלע אינעם קאמף קעגן צעדערבוימען.

לעצטנס, האָבן מיר א וויכטיקן דאָקומענט אינעם „קר"מ" גופע, וואָס מאָלט אויס דעם גאנצן געוועב פון די דעמאלטיקע פארהעלטענישן צווישן צעדערבוימען און דער גרופּע ניהיליסטן. דאָס איז צעדערבוימס א שארפער לייט-ארטיקל קעגן זיי אינעם „קר"מ". האגאם

1) י. י. לערנער, „דורש אל המתים", אָדעס, 1867, ז. 15,

2) זע דעם ארטיקל פון ש. באָראָוואָי „Новое о Ковнере" אין זאמלבוך „Евр. Мысль". לענינגראד, 1926, ז. 235.

3) ארכיוו פון נאָוואָראָסישן און בעסאראבער גענעראל-גובערנאטאר, 1866, איניען נום. 22.

4) „קר"מ" 1867, ז. 178.

דער ארטיקל באציט זיך שוין צום אָנהייב 1868 יאָר, מינערט עס אָבער ניט אונדזער אינטע-רעס צו דעמדאָזיקן דאָקומענט. מיר געפינען פאר נייטיק צו ברענגען גרעסערע ציטאטעס פון דעמדאָזיקן ארטיקל.

„מיר קאָנען ניט אויסשטעהען — שרייַבט דער רעדאקטאָר — די שטארקע פארוירפע פון טהייל בעסערע מענשען, פאר וואס מיר מאכען ניט אויפמערקזאם דעם עולם אויף די ניימאדנע בעטלערס, וואס זענין היינט ארופגעקוממען, דיא יונגע לייט וואס קאננען זעהר געזונד הארעווען, און פאסען זיך און טהוען זיך אן ווי שטשאגעליס, לאזען זיך צו אללע תענוגים, זשאלעווען זיך גיכער נישט ווי איין ארדענטליכער בעלי-בית נאכט-נעכטליך אין טהעאטער צו גיין וכדומה וואס זייער הארץ גלוסט און אלץ אויף פרעמדען חשבון, ווייל זיי גיבען זיך א נאמען מחברים און געהען אום אין די הייזער פון איין טהיר צו דער אנדערער מיט זייערע שמאטיס-עטליכע בלעטליך לשון-קודש, יודיש אָדער רוסיש און נארען אויס געלד...

איין מחבר וועט איהר דערקאננען אין די סמנים: א קערץ געפאסיט ליטוואקעל מיט א פערשארפט געזיל און א פערשיידט פנים. ער טראָגט אונטער דער ארום א פארטעפעיל ווי א טשינאווניק, רעדט ליטוויש-מאסקוויטעריש און זאגט אף זיך אליין, אז ער איז א גלגול פון בערנע, נאר ער הייסט נאך איין רוסישע גובערנסקע שטאָט „קאָוונע" און אז מע גיט אים א לייכט קערבעל פאר זיין צרורדיק פרחיוואטע [1] ביכל דינגט ער זיך נאָך...

דער צווייטער איז א ביסעל העכער פעררים דעם קאָפּ און האלט אפפען דאס מויל ווי א תם מיט א בלאנדער באקקענבארד. איהר ווייסט דאך שוין דאס יודישע ווערטיל, אז נעמען בעדייטען טהייל מאל גראד פארקעהרט, היינט אז א יונגעל הייסט „לעהר-נאאר" און גיט זיך אויס פאר איין געלערנטען נאר דעם נאמען צוליב, ווייל זאנסט האט ער נישט געלערנט, קאנט איר אייך משער זיין וואס אין איהם שטעקט. דאס הינדערט נישט צו זיין א פלאדנע מחבר אויף 3 לשונות: לשון קודש, יודיש און רוסיש. מען מאכט וואלוועלע סחורה, עטליכע ב׳עטליך אבי אויף 2 פארציעס פאר א ביכעל און די פרנסה געהט גאר קיין מעשה ניט...".

דעם ארטיקל ענדיקט דער מעכאבער מיט א וואָרענונג צו אלע „אָרדנטליכע מענשען" זיי זאָלן ניט אָנעמען אזעלכע ביכלעך, וועלן די מעכאברים זיי אופהערן צו שרייַבן און צו דרוקן [2].

צעדערבוים האָט מוירע געהאט, אז די רעגירונג וועט אים ווירקלעך פארעכענען פאר א זינד זייַן צו ווייכע ליניִע בענעגייע כסידעס, און דאָס האָט ארויסגערופן א פעסטערן טאָן אין דער ריכטונג פונעם „קו"מ".

אָט אין דער צייַט האָט לינעצקי אָנגעהויבן צו דרוקן אין „קו"מ" זייַן „פּוילישן ייִנגל". פאר צעדערבוימען איז דערדאָזיקער פעליעטאָן אין יענער צייַט געווען ווי אָנגע-מאָסטן. אין די יאָרן 1867—1868 האָט צעדערבוים אין צוזאמענהאנג מיט דער קאמפּאניִע, וואָס איז קעגן אים געפירט געוואָרן. אנטוויקלט א מער וויניקער אינטענסיווע טעטיקייַט אף דעם געביט [3]. אָבער דאָס הויפּט-ווערק, אף וועלכן צעדערבוים האָט געקאָנט ארויס-

1) געמיינט קאָוונערס בייַסנדיקן פּאמפלעט אף אים (צעדערבוימען) אונטערן טיטל „צרור פרחים" (אדעס, 1867).

2) „קו"מ", 1868, נומ. 16.

3) אויסער א גאנצער רייַ פעליעטאָנען אין „קו"מ" האָט צעדערבוים אין 1867 יאָר ארויסגעגעבן זייַן „כתר כהונה". ערגצוו פירט ער דאָרט דורך א פאראלעל צווישן די כסידים און די יעזויִטן. אין 1868 יאָר האָט ער ארויסגעגעבן ווי א בייַלאגע צום „קו"מ" מאָטיל ברעטמאנס „דער כסידישער אונטערהאלט". אגעוו, דאָס ביכעלע, ווי אויך דער מעכאבער דערפון, ווערן אין ערגעץ ניט דערמאָנט. אין „קו"מ" האָב איך געפונען נאָך צוויי קאָרעס-פּאָנדענצן פון אים (1866, נומ. 30, 1867, נומ. 40), פונעם קינסטלערישן שטאנדפונקט האָט דאָס ביכעלע קיין ווערט. עס שטעלט פאָר א געשפּרעך פון כסידים, וואָס דערציילן ניסים וועניפלאָעס פון זייערע גוטע ייִדן, ווי ס'טרעט אויך ארויס זייער צוויִעס און פארגרעבטקייַט. דאָסדאָזיקע ביכעלע האָט אויך, ווי געוויינלעך, א געשוואָלענע האקדאָמע פון צעדערבוימען, וואָס הייבט זיך אָן אין זייַן געוויינלעכן נוסעך פון אווראָהאָם אָווינעס צייַטן און ציט זיך אף גאנצע 13 זייַטלעך. צווישן אנדערש שרייַבט ער דאָרטן: „מיר קוקען נישט וואס נאררישע חסידים זענין אויף אונז ברוגז, מיר מאכען זיך נישט דארויס וואס הפקר-מענשען אונטער דיא וואס רופן זיך אן אים שטיינסגעזאגט אויסגע-קלערטע ווייל מיר שוינען זיי אויך ניט, שרייען, אז מיר שוינען נאָך די צדיקים מיט די חסידים, פון זייערטוועגען דארף מען נאר זירלין און העט טיעפער גראבען ביז צום יסוד פון אמונה". קלאָר, אז די שורעס באציִען זיך אף נ-היליסטן.

אז צעדערבוים האָט געביטן דעם טאָן און די ריכטונג פונעם „קו"מ" נאָר מאכמעס מוירע, איז צו זען פון אזאַ שטעל פון אן ארטיקל פון איינעם „א פוילישער חסיד פון אדעססאער שאלאשען-מימ"ד":

„טהייל האבען אויף איין מלמד זכות געוועזין: בכן איהר זענט עס מחויב צו טהון, איר זענט איין אונס, ווייל איהר האט צווישען די אויפגעקלעהרטע גרויסע שקצים, עזות פנימער, וואס געהען מסרין, אז איר האלט מיט חסידים". („קו"מ", 1868, נומ. 12).

פאָרן, פאַרטיידיקנדיק זיך קעגן זײַן קעגנער, איז געווען, פאַרשטייט זיך „דאָס פּוילישע ייִנגל".

פאַרענדיקנדיק דעם עקסקורס אין דער געשיכטע פון „קו"מ" פון יענער צײַט, דאַרף מען צוגעבן:

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען פאַלש צו מיינען, אַז לינעצקי האָט אָנגעשריבן „דאָס פּוילישע ייִנגל" לויט צעדערבוימס באַשטעלונג. דאָס וואָלט געווען היסטאָריש ניט ריכטיק. פון „קיצור תולדות הסופר יצחק יואל לינעצקי" ווערן מיר געוואָר, אַז "דאָס פּוילישע ייִנגל" האָט לינעצקי אָנגעהויבן שרײַבן אין 1866 יאָר. אָן שום סאָפעק, אַז די אָנרעגונג צו שרײַבן „דאָס פּוילישע ייִנגל" האָט לינעצקי באַקומען פון האַס און סינע צו די פֿאָלק-פּיאַווקעס, וואָס האָבן געהערשט בײַ אַ טייל שוין צו יענער צײַט אויסגע-ניכטערטע פֿאָלק-שיכטן. דערבײַ דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, אין זינען האָבן, אַז אין דעם ווערק איז פאַראַן אַ געוויסער אויטאָביאָגראַפישער מאָמענט. מיר ווייסן פון אַסאַך אָנווײַ-זונגען, אַז לינעצקי האָט זיך אַסאַך אָנגעליטן פון כסידים אין זײַן יוגנט. עס איז אָבער קעדײַ אָנצווײַזן אויף די אומשטאַנדן, בײַ וועלכע עס איז, ניט געקוקט אויף צעדערבוימס שאָלעם-פּאָליטיק, מעגלעך געוואָרן אין דער ליטעראַטור דער שאַרפסטער אויסדרוק פון קאַמף קעגן כסידעס — „דאָס פּוילישע ייִנגל".

## 3. ווי אַזוי איז אויפגענומען געוואָרן „דאָס פּוילישע ייִנגל"

אין „קו"מ" פאַרן 1867 יאָר ז. 377 לייענען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון באָברי-ניעץ פון איינעם א. מרגליות — אברהם העברי מוויטעבסק פאָלגנדיקע עטלעכע שורעס:

„די פּעליעטאַנס, בעזאַנדערס „דאַס פּוילישע יונגעל", לייענען אַלע מיט גרויס פאַרגע-ניגען. חאָטש אויפריכטיק מוז איך זאָגען, איך בין זעהר מסופק, אויב פיעל ווייסען ווי אהין דאַס ציעלט. פאַר טהייל איז פשוט אַ זאַבאַווקע, לייענען אַ בבא-מעשה. נאַר דאַס שאַדעט אַלץ נישט. אַ ביסעל הויבט מען אָן צו פיהלען".

אָט דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ זאָל זײַן אַפּאָנים דער ערשטער גרוס פון דעם דערפֿאָלג, וואָס „דאָס פּוילישע ייִנגל" האָט געהאַט אין יענער צײַט.

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען נאָך ריזיקאַליש צו מעסטן דעם דערפֿאָלג פונעם „פּוילישן ייִנגל" נאָר לויט דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, ווער שמועסט, אַז דאָ רעדט זיך נאָך וועגן דעם, אַז אַ טייל האָבן געקוקט אויף דעם ווערק בלויז ווי אויף אַ „זאַבאַווקע". אָן שום סאָפעק, אַז אין פאַרשיידענע אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן פון שפּעטער וואָלט מען נאָך געקענט געפינען אַסאַך שטעלן, וואָס זאָלן כאַראַקטעריזירן דעם דערפֿאָלג פונעם „פּוילישן ייִנגל". מיר האָבן אָבער אַנדערע וויכטיקע גרונטן, וואָס שטרײַכן אונטער אַסאַך בוילעטער די ווירקונג פון דעם ווערק אין יענער צײַט.

„דאָס פּוילישע ייִנגל" האָט אַזוי אויסגענומען בײַם עולם, אַז ניט וואַרטנדיק ביזן אָפּדרוקן דעם צווייטן טייל, איז די רעדאַקציע צוגעטראָטן אַרויסגעבן דאָס ווערק אין בוך-פאָרמע [1].

אין זײַן הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע פון „פּוילישן ייִנגל" דערציילט צעדער-בוים וועגן דער גרויסער פאַרשפּרייטקײַט פון דעם ווערק. ער ווײַזט אָן, אַז אַפילו כסידים פלעגן יעדע וואָך זוכן די צײַטונג און מיט פאַרגעניגן לייענען „דאָס פּוילישע ייִנגל", „כאָטש זיי האָבן פאַרשאָלטן דעם שרײַבער די ביינער" [2].

מיר קאָנען זיך אויך פאַרופן אויף אַ ביז איצט אומבאַקאַנטן ביכל פון פ. וועבער, וועלכן עס האָט ניט לאַנג אויפגעזוכט ש. באָראָוואָי. דאָס ביכל הייסט „Reiseerinne-

---

[1]) ז. רייזען האָט ריכטיק פאַרצייכנט אין זײַן „לעקסיקאָן", אַז די ערשטע אויסגאַבע פון „פּוילישן ייִנגל" איז דערשינען אין 1869 (און ניט אין 1868, ווי עס איז אָנגעגעבן אויפן שאַרבלעטל). עס איז אָבער נייטיק אָנצו-ווײַזן אויף דעם, אַז פאַקטיש איז די רעדאַקציע צוגעטראָטן צום אַרויסגעבן דאָס ווערק נאָך אָנהייב 1868 יאָר, ד. ה. טייקעף, ווי עס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „קו"מ" דער ערשטער טייל. צוליב דעם, וואָס לינעצקי האָט פאַרשפּעטיקט מיטן צושיקן דעם צווייטן טייל און אויך צוליב אַ ריי טעכנישע סיבות, וועגן וועלכע מיר געפינען מעלדונגען אין „קו"מ", האָט זיך די זאַך פאַרצויגן קימאַט אויף גאַנצע צוויי יאָר.

[2]) צו דער כאַראַקטעריסטיק, ווי טייל לייענער פלעגן רעאַגירן אויף דעם „פּוילישן ייִנגל", פאַרצייכן איך די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

איך האָב אין מײַן רעשוס אַן עקזעמפּליאַר פון אַן עלטערער אויסגאַבע פון „פּוילישן ייִנגל" (לעמבערג, 1875), וועלכער איז, קאָנטיק, אײַנגעשטאַנען אין כסידישע הענט. דאָס ביכל איז אויף אַסאַך זײַטלעך, באַזונדערס אויף די האַרבערע, אויסגעקווייטלט מיט טשיקאַווע אויפשריפטן אויף לינעצקיס אַדרעס... אָט איז איינע פון זיי: „ממזר, דיא כפרה זאָלסטו ווערן פאַרן רעבנס ד . . . ".

rungen aus Russland" און איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין לייפּציק אין 1873 יאָר. עס שטעלט פאָר מיט זיך א מערקווירדיקן קוריאָז. וועבער, אליין א דײַטשישער גאלעך, וואָס האָט ארויסגעוויזן, קאָנטיק, סימפּאטיע צו יידן און יידישקייט, האָט אין זײַן רייזע איבער דאָרעס-רוסלאנד זיך באזונדערס פאראינטערעסירט מיטן „פּוילישן יינגל", וואָס האָט געהאט א קאָלאָסאלן דערפאָלג. ער שטעלט זיך אָפּ אף דער גוואלטיקער ראָלע, וואָס סע שפּילט „דאָס פּוילישע יינגל" אין זינען פון אונטערײַסן דעם אויטאָריטעט פון אָרטאָ-דאָקסישער בילדונג און פארשפּרייטן וועלטלעכקייט צווישן דער יידישער באפעלקערונג. ער האָט געפונען פאר נייטיק געבן אין סאָף פון ביכל א בײַלאגע, ווו ער ברענגט אין לאטיינישער טראנסקריפּציע א קאפּיטל פון „פּוילישן יינגל" [1].

עס איז אויך צו דערמאָנען די אייניקע וויכטיקע שורעס, וואָס מיר געפינען וועגן דער ווירקונג פונעם „פּוילישן יינגל" בא מאָרדכע ספּעקטאָר.

„... א פּאָר האסקאָלע-ביכלעך (האָבן) ענדלעך געבראָכן די אײַזערנע וואנט, וועלכע האָט אָפּגעטיילט דעם „פאנאטיזם" פון דער „האסקאָלע"... דאָס ערשטע איז געווען י. י. לי-נעצקיס „פּוילישער יינגל". די כסידישע וועלט, יונג און אלט, האָט זיך פארלייענט מיט דעמדאָזיקן ביכל. אלע האָבן דעם מעכאבער געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס, אָבער מע האָט אים געלייענט. אפילו אין רעבישע הויפן — ווער ווייסט, עפשער דער רעבע אויך — האָט מען ארײַנגעקוקט אין לינעצקעס „פּוילישן יינגל". אויך דאָ האָט מען געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס דעם מעכאבער און אָנגערופן מיט די מיִעסטע נעמען, נאָר געלייענט האָט מען אים! עס איז שווער געווען זיך אָפּצורײַסן פון דעמדאָזיקן ביכל. מע האָט עס געמוזט איבערלייענען ביז צום סאָף. האָט איינער באקומען „דאָס פּוילישע יינגל", איז דאָס מיט קלאָלעס איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט. אזוי, אז אין עטלעכע וואָכן האָט דאָס ביכל אויסגעזען, ווי דער באָבעס אלטע צעריסענע טכינע, פון וועלכער עס איז געפאלן שטיקלעך. אין גאנץ אוקרײַנע און אין פּאָדאָליִע איז נישט געווען קיין ייד און קיין יידענע, ווער שמועסט יונגוואַרג, וואָס זאָלן דאָסדאָזיקע ביכל נישט האָבן איבערגעלייענט. דאָסראָוו האָבן מיט פאראכטונג נאָכן איבערלייענען עס אוועקגעוואָרפן, נאָר אף פיל האָט עס שטארק געווירקט און זיי האָבן זיך אינדערשטיל אָפּגעריסן פון כסידים. מאנכע זײַנען געוואָרן אָפּענע אפּיקאָרסים און געפירט א מילכאָמע מיט זייערע עלטערן און מיט די כסידים בכלל". (מ. ספּעקטאָר, „מײַן לעבן". צווייטער טייל, ווארשע 1927, ז. 14).

וועגן דעם ווײַטערדיקן דערפאָלג פונעם „פּוילישן יינגל" זאָגן איידעס די צענדליקער רעגיסטרירטע און ניט רעגיסטרירטע אויסגאבעס, וואָס דאָסדאָזיקע ווערק האָט אויס-געהאלטן [2].

---

[1]) איך דריק דאָ אויס א דאנק דעם כ׳ בעראָוואָי פאר דער פרײַנטלעכער מיטטיילונג.

[2]) ז. רייזען האָט פארצייכנט, אז אין מעשעך פון די 70-קער יאָרן האָט „דאָס פּוילישע יינגל" אויסגעהאלטן עפּשער 20 אופלאגעס. אָט די יעדיִע שײַנט ניט צו זײַן איבערגעטריבן. עס לאָזט זיך מאכן א קליינינקן „כעזשבן": צוערשט דער ערשטער טייל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם „קר"מ" פאָרן 1867 יאָר. נאָכדעם קומט די אויס-גאבע פון 1869 יאָר. אין זײַן „קיצור תולדות חיי הסופר יצחק יואל לינעצקי" (דאָסזעלבע אין סאָקאָלאָווס „ספר הזכרון") ווײַזט לינעצקי אָן, אז אין לעמבערג האָט מען איבערגעדרוקט „דאָס פּוילישע יינגל" זיבן מאָל. אין דער אויסגאבע „דאָס כסידישע יינגל" פארצייכנט ער שוין 10 אויסגאבעס, וואָס לעמבערג האָט געדרוקט „ביגנייווע אוגזיילע". „דאָס כסידישע יינגל" איז דערשינען צוויי מאָל: אין 1897 יאָר און אין 1909 יאָר. צולעצט קומט די לעצטע ווינער אויסגאבע פון 1921 יאָר. האָבן מיר א קײַמעלאָן פון 15 אויסגאבעס. דאָס איז נאָך ניט אלץ, ווײַל „דאָס פּוילישע יינגל" האָט מען אויך איבערגעדרוקט אין אמעריקע.

אגעוו, עס איז אינטערעסאנט צו פארצייכענען, ווי לינעצקי פלעגט קעמפן מיט די לעמבערגער ארויסגעבער. אינעם „וועלט לוח פון יאהר אין כסף", ווענדעט ער זיך צו זיי אין גראמען. ער דערמאָנט דערבײַ נעכעלעסן, אין ווע מעס האנט עס איז אײַנגעשטאנען די „מאָנאָפּאָליִע" אף געניווועשע אויסגאבעס:

„און הערן נעהעליס בעט איך רחמים,
ער זאָל שוין בעסער ווערען גאר גוט און פרום
און זאָל אויפהערן דרוקקען פרעמדע ביכער —
אלא ניט מעג ער אודאי זיין זיכער,
אז מיר אללע מחברים מיט דער שטיטצע פונם זאקאָן
וועלין אים רודפ׳ן וויא ווייט נאר מע קאן,
מיר וועלין בעדרייא פארלאזין אונזער ברויט
און זיך לאדען מיט איהם ביז אין טוידט".

(ציטירט לויט דער צווייטער אויסגאבע, אָדעס, 1883).

עס איז אויך צו דערמאָנען, אז אין „Dziennik Łòdzki" איז „דאָס פּוילישע יינגל" אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1888 יאָר אין פּויליש.

ווי ווײַט לינעצקעס אַטאקע האָט געקאָנט ווירקן איז אויך צו זען פון א פּאָר אינטערעסאנטע דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך פארהיט אין זײַן ארכיוו. דער ערשטער איז אן אָפּיציעלער בריוו פונעם וואָלינער קוילעל פון דער שטאָט טווערי (אין ערעציִסראָעל), אין וועלכן די „שבעה טובי העיר״ באקלאָגן זיך אף די נײַע ראַצכים־מעמונים איבער די ערעץ־יִסראָעל־געלטן און בעטן ראכמים לינעצקען „ער זאָל פארשפרייטן זײַנע פליגלען אף זײַנע ברידער, און מיט זײַנע רייד, וואָס ווי האמער צעקלאפּן זיי פעלדזן, זאָל ער דערוועקן די הערצער פון אכיינו בניי יִסראָעל, אז זיי זאָלן זיך שטעלן קעגן דידאָזיקע רעשאָיִם״. („אנא, יפרוש נא כנפיו על אחיו החובקים טהרת אבני המקום ובדבריו אשר כפטיש יפוצצו סלע יעורר את לב אחב״י כי יעמדו בפרץ נגד הרשעים ההם״).

דער צווייטער דאָקומענט מיט אן ענלעכן אינהאלט און מיט א באקאָשע צו באשרײַבן די זאך איז געכאסמעט פון „חיים־שמעון פאקולמאהן ראב״ד ומו״ץ דעיה״ק טבריא״.

אָט דידאָזיקע דאָקומענטן זײַנען זייער אינטערעסאנט צו דער כאראקטעריסטיק פון לינעצקעס פּאָפּולערקײַט. פון זיי איז קאָנטיק, אז לינעצקי האָט געשעמט פאר א „קאנטשיק״, צו וועלכן ס'זײַנען אין שאסהאדכאק אָנגעקומען אויך „קליי־קוידעש״.

אויב מיר וועלן שאצן „דאָס פוילישע יִנגל״ ניט לויט זײַן קינסטלערישן ווערט, נאָר לויט דעם אינטערעס, וואָס עס האָט ארויסגערופן באם לייענער, לויט דער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאט אף אים, וועט עס אָן סאָפעק בלײַבן אויסער וועלכער ניט איז קאָנקורענץ אפילע מיט די בעסטע ווערק, וואָס די יִדישע ליטעראטור האָט ווען עס איז געגעבן. מע קאָן מיט זיכערקײַט זאָגן, אז קיין ווערק אף יִדיש האָט ניט זויכע געווען צו אזויפיל דורכאנאנדיקע אויסגאבעס, ווי „דאָס פוילישע יִנגל״ 1).

## 4. דער מעכאבער פונעם „פוילישן יִנגל״ און זײַן רעדאקטאָר. לינעצקעס ווײַטערער וועג

דער לינעצקי־ארכיוו, וואָס געפינט זיך אין אָדעסער „מענדעלע־מוזיי״, פארמאָגט אייניקע אינטערעסאנטע בריוו פון צעדערבוימען (אין העברייִש), וואָס האָבן א שײַכעס צום פעריאָד פונעם „פוילישן יִנגל״. דידאָזיקע בריוו האָבן אן אינטערעס פאר אונדז ניט נאָר דערפאר, וואָס זיי שטעלן אויף א פארגעסן בלעטל געשיכטע וועגן די באציִונגען צווישן לינעצקען און צעדערבוימען אין יענער צײַט, — זיי האָבן אויך עפּעס צו זאָגן דירעקט וועגן „פוילישן יִנגל״ און דערציילן אונדז וועגן דער אנטשלאָסנקײַט, מיט וועלכער לינעצקי האָט, ניט אונטערגעבנדיק זיך פרעמדע ווירקונגען, פאָרגעזעצט מיט דער גרעסטער אקשאָנעס און ענערגיִע דעם קאמף קעגן דער פאָלק־פינצטערניש.

דער ערשטער בריוו איז דאטירט דעם 27-טן פעווראל 1868 יאָר. מיר געפינען דאָ די באדינגונגען, וואָס צעדערבוים האָט געשטעלט לינעצקען אף זײַן פאָרשלאָג צו דרוקן „דאָס פוילישע יִנג,״ אין בוך־פאָרמאט.

„און וועגן דײַן ארטיקל „דאָס פוילישע יִנגל״ — שרײַבט ער אים — בין איך מערוצע אף דײַן פריִערדיקער באקאָשע אים צו דרוקן אין באזונדערע ביכלעך... נאָר מיט א טנײַ, אויב דו וועסט אײַנגיין מיר צוצושיקן דעם צווייטן טייל, ווײַל אָן אים וועט מיר אויסקומען זיך איבערכאזערן, און דעמלט וועל איך נעמען אף זיך די טירכע דורכקוקן דאָס, פאריכטן דאָס, וואָס עס האָבן אָנגעוויזן אף דעם מעווינים און דעריקער דאָס אביסל רייניקן פון ניט קאָרעקטע אויסדרוקן, וואָס כאפּן זיך צײַטנווײַז ארויס פון דײַן פעדער און וואָס זײַנען געוואָרן פריקרע פאר איידעלע פרויען („אשר היו לזרא לנשים עדינות״) און האָבן אופגעבראכט דעם צאָרן פון גאָטפאָרכטיקע („העלו אף חרדים״). איך וועל דאָס אויך אויסשטעלן אין קאפּיטלען...״

ווי עס איז צו זען פון דעמדאָזיקן דאָקומענט, האָט צעדערבוים זיך פאָרגענומען מאכן אין דעם קסאוויאד א היפּש ביסל ענדערונגען. עס איז דאָ באזונדערס כאראקטעריסטיש פאר צעדערבוימען די מוירע כאָלילע ניט אופברענגען „דעם צאָרן פון גאָטפאָרכטיקע״. עס איז אויך אינטערעסאנט, אז די צעטיילונג אף קאפּיטלען האָט געמאכט צעדערבוים.

לינעצקי, וואָס האָט געגארט ברייט פּאָפּוליאריזירט צו ווערן, איז דערוף אײַנגעגאנגען, און צעדערבוימס האנט האָט, קאָנטיק, א היפּש ביסל געבאלעבאטעוועט אין דעם ווערק. וועגן דעם דערציילט אונדז צעדערבוים אליין.

1) זע אויך ווײַטער די זיכרוינעס פון לינעצקעס טאָכטער, ז. 201. רעדאקציִע.

אין „קו״מ״ פארן 1868 יאָר אף זײַטל 257 לייענען מיר פאָלגנדיקע עטלעכע שורעס:

„מיר האבין דאס גאנצע („פּוילישע יינגל״, **ד. ה.**ביידע טיילן צוזאמען) נאָך א מאָל בעארבייטעט, געזייבערט און פיעלעס צוגעזעצט. און אין קאפּיטעל איינגעטיילט״ [1].

וועגן די ענדערונגען, וואָס צעדערבוים האָט אַרײַנגעטראָגן אין „פּוילישן יינגל״ שרײַבט אויך לינעצקי אליין. אינעם „געשפּרעך איבערן פּוילישן יונגעל״ (אָפּגעדרוקט אין זײַן „וועלט-לוח פון יאהר אין כסף״) ווײַזט ער אָן, אז צעדערבוים האָט אים צוגעשטו-קעוועט א 15—20 זײַטלעך:

„כמעט אין יעדער שורה — שרײַבט ער — כמעט אין יעדער פראזע האט ער (צעדער-בוים) אלץ ארייגעדרוקט זיינע גרינע המצאות אין האט אזוי איבערגעקעהרט יעדען זאטץ, אז עס איז שוין גאר שווער ארויסצובראקעווען דאס גוטץ פון שלעכטץ״ [2].

פון לינעצקעס האקדאָמע צו דער אויסגאבע „**דאָס** כסידישע יינגל״ ווערן מיר געוואָר א וויכטיקן פּראט, אז דעריקער האָט געליטן דער צווייטער טייל. עס האָט אָבער אויך געליטן פון דער רעדאקציע דער ערשטער טייל. וועגן דעם דערציילט אונדז לינעצקי אליין אין דעם ערשטן טייל פונעם „פּוילישן יינגל״, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „קו״מ״ (1867, ז.ז. 303—304).

„דאגעגען פונ׳ם אנדערען צד ווינשט מען מיר אן א פּיללען פּאדעליג מיט ברכות. ווער שמיעסט, זיי זאללען לייגען דאס פּוילישע יונגעל בייא מיר פון מיינע שריפטען ארויס, וואלטען זייא שטארק ברוגז געוועזען וואס ער (דער רעדאקטאר) ווארפט ארויס אפשר א דריטטעל דערפון וואס פּאסט נישט צו דריקען״. און ווײַטער פּאַרענטפערט ער צעדער-בוימען: „מע האט דעם רעדאקטאר אויך ניט חושד צו זיין. שוין גאנץ גענוג פון זיין זייט, אז ער שטעללט זיך ארויס א קעגען א האלבער וועלט יודען און ווייזט זיי זייערע פעהלער ארויס! גאנץ גענוג אז ער שטעללט איין זיין געלד, זיין כבוד, און טאקע זיך אליין פאר דעם ריינעם אמת!״ די שטעל ענדיקט זיך מיט א לויב-געזאנג צעדערבוימען: „בראווא ה׳ רעדאקטאר! בראוויסימא! יישר כחך! צלח ורחב על דבר אמת!...״.

אָט דערדאָזיקער מאָמענט — צעדערבוימס רעדאקטאָרישע ראָלע אינעם „פּוילישן יינגל״, — בלײַבט פאר אונדז פארשטעלט, און אונדז קומט אויס זיך באנוגענען בלויז מיט האשאָרעס. די שפּעטערדיקע אויסגאבע איז, ווי באקאנט, לאכלוטן איבערגעארבעט, קאָנען מיר אף אזא אויפן ניט האָבן קיין פולע פאָרשטעלונג וועגן דעם ערשטן געשטאלט פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן ווערק [3].

לינעצקי האָט שוין אין מעשעך פון גאנצן לעבן ניט געקאָנט זיך מויכל זײַן, פּארוואָס ער האָט זיך איבערגעגעבן אין צעדערבוימס הענט. אזוי האָט ער רעאגירט אף דעם אין א גאנצער ריי אויסגאבעס. מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם „וועלט-לוח פון יאהר אין כסף״. אין „מיין ספר הזכרונות״ (אָדעס, 1883, העפט 7) האָט ער אינעם ארטיקל „לגולה נכתרות בדין״, אויסרעכענענדיק „דיא רשימה פון (מײַנע) עבירות״ פארצייכנט: „דוא האָסט דער-לאָזט צעדערבוים׳ן פארגאדין דיין פּויליש יונגעל״. זײַן אומצופרידנקײַט מיט צעדערבוימס רעדאקציע האָט ער אויך אויסגעדריקט אין זײַן „קיצור תולדות הסופר יצחק יואל לינעצקי נ״י״.

עס איז אָבער געווען נאָך א צווייטע סיבע, וואָס האָט אַרײַנגעבראכט א פּארדראָס אף צעדערבוימען. צווישן די ביידע איז אויסגעוואקסן א סיכסעך צוליב טײַמים פון כעזש-בוינעס. אינעם דערמאָנטן „געשפּרעך איבערן פּוילישן יינגל״ האָט אונדז לינעצקי דערציילט וועגן דעם, ווי אזוי צעדערבוים האָט אים אומגעטריבן איבער די הײַזער צו פארשפּרייטן

---

1) די קעפּלעך פאר די קאפּיטלעך האָט, אפּאָנים, צונויפגעשטעלט לינעצקי, אלנפאלס ליגט אף זיי דער שטעמפּל פון לינעצקעס סטיל.

2) יצחק יואל לינעצקי „דער וועלט-לוח פונם יאהר אין כסף״, צווייטע אויסגאבע, אָדעס 1883, ז. 80. די ערשטע אויסגאבע איז דערשינען אין 1875 יאָר. בא רייזענען איז ניט ריכטיק אָנגעגעבן דאָס יאָר 1872. מע דארף דאָ צוגעבן, אז לויט לינעצקעס „קיצור תולדות הסופר ר׳ יצחק יואל לינעצקי״ איז דער „וועלט-לוח״ אָנגעשריבן געווארן נאָך אין 1866 יאָר. אין 1871 יאָר האָט ער געפירט אונטערהאנדלונגען מיט צעדערבוימען וועגן דרוקן דאָס ווערק.

3) אין א געוויסן זינען איז גערעכט א. ליטוואק, ווען ער שרײַבט: „... „דאָס כסידישע יינגל״ (איז) שטארק פארגרעסערט און איבערגעמאכט, אָבער גיכער צום ערגערן, ווי צום בעסערן; העט אין רער שפּראך, וועלכע האָט פארלאָרן איר יוגנטלעכע זאפטיקײַט, העט אין אינהאלט, פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעטון דער אומיטלבארער טעמפּעראַמענט פין קאמף און איז אָפּט פארביטן געוואָרן אף רעזאָניאָרישע רייזערײַ... די לעמבערגער מויכריי-ספאָרים מיט זייערע גרײַזען האָבן דעם בוך ווייניקער געשאדט, ווי דער מעכאבער אליין מיט די ענדערונגען, וואָס ער האָט שפּעטער אַרײַנגעטראָגן״. (זע: א. ליטוואק, „יצחק יואל לינעצקי״, קיעוו, תרע״ט (ז. 37).

זײַן װערק. צעדערבוימס בריװ, װאָס איז דאַטירט דעם 5-טן מאַרט 1871 יאָר, װײַזט אונדז דעם גאַנצן געװעב פֿון טײַנעס און מײַנעס צװישן דעם שרײַבער און אַרױסגעבער.

צעדערבוים, װאָס האָט שױן צו יענער צײַט געװױנט אין פּעטערבורג, װוּ ער האָט אױסער דעם „המליץ" און „קו"מ" אױך אַרױסגעגעבן אַ רוסישן בלאַט, האָט זיך, קאָנטיק, געפֿונען אַטאַקירט פֿון לינעצקען, װאָס האָט אים אָגגעקאָגט אין געריכט, עפּשער אונטער לערנערס װירקונג.

צעדערבוים האָט, קאָנטיק, מוירע געהאַט פֿאַר די פֿאָלגן, װאָס קאָנען אױסװאַקסן פֿאַר אים פֿון דעמדאָזיקן לאָדעניש, האָט ער אָפּגעשטעלט דעם קאָנפֿליקט דערמיט, װאָס ער האָט, אַפֿאָנעם, באַפֿרידיקט אַ טײל לינעצקעס פֿאָדערונגען.

דער רױגעז צװישן לינעצקען און צעדערבוימען האָט אָבער לאַנג ניט געדױערט. בײדע האָבן זיך געגײטיקט אײנער אין דעם אַנדערן: דער „קו"מ" אין לינעצקין, װי אין אײנעם פֿון די טאָנגעבער אין דער ליטעראַטור פֿון יענער צײַט, לינעצקי — אינעם „קו"מ", װי אין דער אײנציקער טריבונע אף ייִדיש.

צעדערבוימס אַ בריװ פֿון 15 דעקאַבער 1871 יאָר — דער אײנציקער, אַגעװ, בריװ אין ייִדיש — זאָגט אײדעס װעגן די פּ. ײַנט. עכע באַציִונגען, װאָס האָבן זיך, אײַנ־געשטעלט אין יענער צײַט צװישן לינעצקען און צעדערבוימען. מעגלעך, עמעס, אַז דאָס איז געװען נאָר לעפּאָנים. מיר ברענגען אַ פּאָר שטעלן פֿון דעמדאָזיקן בריװ:

„ליעבער ה' לינעצקי! — שרײַבט ער אים — איך װענדע זיך צו אײך אום הילפֿע, אזוי װיא צו איין געניאַלעם מענשען, װאס בעזיצט עדלע געפֿיהלען צו דיענען זיינע ברידער מיט דעם װאס גאָט האט אים געבענשט. איהר פֿערשטעהט גאַנץ גוט דעם נוטצען און די װיכטיגקייט פֿון דעם קו"מ. איהר זענט דער ערשטער און דער לעצטער זשאַרגאָן־שרייבער אין דער אימפּעריע. איהר פֿערשטעהט װיא און װאס צו שרייבען אויף דעם איירופּעאישן אַרט, אַז ניט מיט דעם, װאָס מען באַליידיגט אַלץ חסידים קענן מען פֿיעל װירקען, אַז קיין רעליגיאַנס זאַכין איז ניט כדאי צו זאַטשעפּין" (קורסיװ מײַנער; י. ר.).

עס איז אינטערעסאַנט אָנצוװײַזן, אַז דאָס איז ניט געװען דער אײנציקער פּרוּװ צעדערבוימס אָפּצוקערעװען לינעצקען פֿון זײַן װעג.

אין אַ צענדליק יאָר אַרום האָט צעדערבוים, אײַנלאַדנדיק לינעצקען צו באַטײליקן זיך אינעם באַנײַטן „המליץ", געשריבן אַזױ:

„איך בעט דיך די ערשטע צײַט װי דער „המליץ" װעט אָנהײבן װידער דערשײַנען, זאָלסטו אופּהאַלטן דײַן רעגילעס און ניט פֿאַרשאַפֿן קיין װײטיקן די, װאָס זעען צו זייערע פֿעלערן אין די געשפּאַנטע בילדער, װאָס דו שטעלסט אױס פֿאַר זיי מיט די צו שאַרפֿע אױסדרוקן. איך װייס דאָך, אַז דו האָסט אַסאַך און דו װעסט קאָנען באַמאָלן אױך די גוטע מידעס צװישן ייִדן און זייער שטאַרקן גײַסט. איז, אַז דו װעסט זיי טכילעס װײַזן אַ האָניק־לעקעכל („כאשר תמשח בדבש לשונך את בשרם"), װעט ניט ברענגען זייער צאָרן אף דיר, אױב דו װעסט באַגלײַך מיטן גוטן װײַזן זיי אױך דאָס שלעכטע" [1].

צעדערבוימס אײצע האָט, װי עס זעט אױס, װײניק געװירקט אף לינעצקען.

---

אין זײַן לעצטן גאַליקן װידע „פֿונם יאַריד" (אָדעס, 1909, ז. 13) האָט לינעצקי, װי באַקאַנט, אַזױ כאַראַקטעריזירט זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט:

„מיין שרייבען איז תמיד באַשטאַנען אין קרייען, האװקען און ביללען אויף די פּרי־װיליגירטע פֿאָלק־גנבים, בעל־טובהניקעס, רעדעל־פֿיהרער, קאָך־לעפֿעל אונד קהל־פֿרעסער".

אף דעמדאָזיקן װעג פֿון קאַמף מיט די פֿאָלק־פּיאַװקעס, װאָס איז אַנטשטאַנען אין דער ליטעראַטור נאָך אין די זעכציקער יאָרן, איז לינעצקי געשטאַנען װי אַ געטרײַער קעמפֿער נאָך אַ לאַנגע צײַט שפּעטער.

דעם שאַרפֿסטן אױסדרוק האָט דער קאַמף געקריגן אין זײַן „פּױלישן ייִנגל". דאָס איז געװען דער געפֿערלעכסטער אופּרײַס־שטאָף, װאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ צעטומלונג

[1] דער בריװ געפֿינט זיך אינעם מענדעלע־מוזיי. ער איז דאַטירט: 4 יון 1878.

אין דער פאַרגליוועוועטער ייִדישער אידעע. אָבער דעמדאָזיקן קאַמף האָט ער מיט ניט ווייניקער אַנטשלאָסנקייט געפירט אַף די שפּאַלטן פון זײַן „ישראליק" [1].

ער האָט אים אויך ניט פאַרלאָזט אינגאַנצן מיט אַ קנאַפּן צענדליק יאָר אין זײַנע „ספר הזכרונות" און „כתבים" [2] און נאָך שפּעטער אינעם „וואָרעם אין כריין" [3] ווען דער סאָציאַלער מאָטיוו אין דער ליטעראַטור האָט אינעם פּעריאָד פון רעאַקציע אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן דאָס אָרט פאַר נאַציאָנאַלן שאָלעם-באַיס.

אָדעס, 1929.

1) ארויסגעגעבן געוואָרן אין לעמבערג אין 1875 יאָר. דער נומער 0 (פּראָבע־נומער) איז דאטירט 23 יול. עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אז אויך אין דעם פּעריאָד האָבן זיך געפונען באַלעטויוועניקעס, וואָס האָבן געוואָלט אָפּווענדן לינעצקען פון זײַן וועג. אָט וואָס יהל״ל (יהודה הלוי לעווין) האָט געשריבן לינעצקען אין זײַן בריוו פון 10/22 נאָיאבער 1875 יאָר:

„התאזק נא, אחי, להיט־ב מאמרי הישראליק, כי רבים מתרעמים על פגעך בכבוד אחינו העברים יותר מראי בלצון ומתהלות וחדודים (אין ייִדיש: סטאַרע זיך נאָר, ברודער, פאַרבעסערן די אַרטיקלען פון „ישראליק", ווײַל אסאך האָבן טארומעס דערפאַר, ווײַל דו באַליידיקסט צופיל דעם קאָוועד פון אונדזערע ברידער ייִדן מיט כויזעקרײַ, שפּאָט און שטעכווערטלעך"). די פראַגע איז, אַפּאָנים, געווען גאַנץ אַקטועל. אין זעקס טעג אַרום שרײַבט ווידער יהל״ל צו לינעצקין:

„יען ה„ישראליק" מפוזר כעת לרוב בפוילן, לכן טוב כי לא תרבה ללעוג ולהלעיב בהצדיקים אשר בזה תעלה עליך חמת החסידים באופן נורא מאד, ובאמת טוב יותר לדבר בדברים הנוגעים לחיי ההמון ומנהגיהם לבלי לנגע בדבר הקדוש בעיניהם כאלהים בשגם כי ללא הועיל הוא זה". (אין ייִדיש וועט דאָס הייסן אזוי: „העיויס ווי דער „ישראליק" איז איצט סראָוו פאַרשפּרייט אין פּוילן, וואָלט דעריבער גוט געווען זאָלסט ניט אָפּשפּעטן פון די גוטע ייִדן, ווײַל דערמיט ברענגסטו אַף זיך דעם צאָרן פון די כסידים אף זייער א געפערלעכן אויפן און אינדערעסעסן איז גלײַכער צו ריידן וועגן זאכן, וואס האָבן אַ שײַכעס צום לעבן פון דער מאַסע און אירע מינהאָגים, ניט אָנרירנדיק די זאך, וואָס איז הייליק אין זייערע אויגן ווי גאָט, ווער שמועסט, אז עס ברענגט נאָך דערצו קיין נוצן אויך ניט". — (פגל. דערצו, אגעוו, א. ר. מלאכיס אַרטיקל וועגן „ישראליק" אין „צוקונפט", מײַ, 1930. — רעד.)

2) אָט איז א בײַשפּיל פון א סאָציאַלן מאָטיוו, וואָס מיר באַגעגענען בא לינעצקען שוין אין די 80־ער יאָרן.

„זעה וויפיעל טאטע־מאמעס זײַנען יונג געשטאָרבען פון הונגער און צרות, קריינק און באַליידיגונג, איבער די גבירים בים באם (די בראדסקעס. י. ר.), וואס האבען זיי געמיטשעט, גראבירט און פערשקלאפט מיט זייערע טאקסעס, מאנאפּאליעכ, פּראָצענטען, נאלאָגען, עצקיס, פאלשע קוויטעס וכדומה... און פון די אנגעראבירטע מילליאנען האבען זיי — פאר יוצא זיין און פאר מאגן ווייטער גראבירן — געשיינקט פּאַק א הויז פאר די איבערגעבליבענע קינדער, וואס זיינען דורך זייער גבירישער לאסקע יונג יתומים געבליבן — א בקור-חולים פאר קראנקע, וואס זיינען טאקע פון זייערע באַסע קעלערס, פון זייערע קאטערזשנע סלוזשבעס... פון זייערע גארקע אָבידעס און אסקארבליענעס, קראנק געווארען — א שוהלע וואס מיינען דערביי זייער פאלשע לאקייסקע אסימוליאציא — קוויטאנציעס פאר א צעהנט חלק פון די אָרענטליכע, קראנקע און סאָלידע קינדער, וואס געהען נעביך פאר סאלדאטען פאר די גווירישע צאפעס, וואָילכאנער, פארשוועגדער, מערדער... קוק אן די פארטווינען, קוק זייא אן דיא אויסגעלאססענע, די גנבים, די שטאדט־פּאוקעס, די געפארבטע פייגעל, די חאנזשעס, די בעל־תאוה־ניקעס, וואס פארקויפן גאטט מיט דער תורה, מיט זייערע פינצטערע נשמות פאר א קערבעל, א פרעס, א זויף, א תאוה און א נצחון, וואס האבען אפשר קאם $^{1}/_{1000}$ פּראצענט לפנים געשיינקט אין שוהל פון אלע זייערע גנבות און גראבעזשען אין זייערע גבאותן, משגיחים, ראש־הקהל׳ס, פרנס חודש׳ן, סבארשטשיקעס, ראטהמאנעס, טשליענים, גלאסנעס און אנדערע התמנות׳ן! קוק זיי אן, צי וועלען דיר די אללע זייערע שיינקעכצען ניט אויסזעהן ווי א אתנן זונה ומחיר כלב?!". (מיין „ספר הזכרונות", 7-טע העפט, 28/8 1883, לגולה נסתרות בדין").

3) מיר ווייסן פון אזא פאקט, אז שאָלעם אליי‍כעם האָט געקירצט דעם צווייטן טייל פונעם „וואָרעם אין כריין". אָט וואָס מיר לייענען וועגן דעם אין שאָלעם אליי‍כעמס בריוו צו י. כ. ראַווניצקי: „דאָרט (עס רעדט זיך וועגן דעם צווייטן טייל „ווארם אין כריין"; י. ר.) איז דאָ א פּאָר בלעטלעך, וואָס שמוצט שוין אביסל איבער דער מאָס די שיינע „ערלעכע" ייִדן און דאָס קאָן איך ניט דורכלאָזן בעשום אויפן וועויפן" („דאָס שאָלעם אליי‍כעם־בוך" ז. 182).

איבערדרוקנדיק דעם „ווארעם אין כריין" אין 1898 יאָר (אין ווילנע) א״ט „ניט טוידט ניט לעבעדיג אדער דעם פוילישען יונגעלס א זוהן", האָט לינעצקי, קאָנטיק, אופגעשטעלט די ערשטע אייגנהאנטיקע רעדאקציע. מיר געפינען טאקע דאָרטן אזעלכע צוויי קאפּיטלען „שיינע יודען און עהרליכע יודען" און „דער סדר־היום פון א וצוני׳ר „עהרליכען יודען" (ז.ז. 61—68), ווו מיר זעען ווידער שפּורן פונעם קריגערישן לינעצקען פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן.